№ 202 Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem | פרייז 20 גראשען | Lodzer Tageblat

לאָדזער טאַגעבלאַט

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: פּיעטריקאָווער 16. טעלעפאָנען פון: רעדאַקציע 57, פון אדמיניסטראַציע 47. | דאָנערשטאָג, כ"ג מנחם-אב תרפ"ט. | 29 sierpnia 1929 r. | 22-טער יאָהרגאַנג.

10.000 אמעריקאנער-יודישע געוו. פראנט-זעלנער

גרייט אפצופאהרען פערטיידיגען דעם יודישען ישוב אין ארץ-ישראל

אויך פון קאנאדא. ליטע פוילען זענען טויזענדער יוד. יונגעלייט גרייט צו פאהרען קעמפען אין ארץ-ישראל

ערנסטע נאטע פון אמעריקא צו דער ענגלישער רעגירונג

ניו-יאָרק, 28. (יט"א). 10 טויזענד געוועזענע יודישע פראָנט-סאָלדאַטען שטעהן גרייט אָפּצוגעהען קיין ארץ-ישראל. עס שטעהט גרייט אַ ספּעציעלער דאַמפּער. עס איז וועגען דעם אַוועקגעשיקט געוואָרען א פארשלאג אין לאָנדאָנער קאָלאָניאַל-מיניסטעריום.

טאָראָנטאָ, 28. (יט"א) די יודיש בירגער פון טאָראָנטאָ האָבען טעלעגראַפיש געמאָלדען דעם פּרעמיער מאַקדאָנאַלד, אז זיי גיבען 1000 פריוויליגע מיט'ן צוועק באַלד צו געבען הילף די יודען אין א"י.

וואַרשאַ, (טעל.) דער וועלט-פאַרבאַנד פון „החלוץ" האָט בעקומען א מיטטיילונג, אז גרופּעס חלוצים פון דייטשלאַנד און ווילנע זענען אָפּגעפאָהרען קיין א"י.

וואַרשאַ, (טעל.) דער צ. ק. פון דער פועלי ציון-פּאַרטיי האָט זיך געווענדעט צו אַלע פּראָווינץ-אָרגאַניזאַציעס, צוצושטעלען מיט'ן אָפּפאָהר פון די גרופּען קיין א"י. צו דעם צוועק פאָהרען אַרויס אויף דער פּראָווינץ פאַרשטעהער פון צ. ק., וואָס אָפּקלייבען די פּאַסיגסטע מיטגלידער אויף אָפּצופאָהרען קיין א"י.

פוילישער גענעראַל-קאָנסול אינטערווענירט ווידער וועגען בעשיצען פוילישע יודען

ירושלים, 28. (ספּ.) נעכטען האָט דער פוילישער גענעראַל-קאָנסול אין ירושלים ד"ר זבושעווסקי צום צווייטען מאָל בעזוכט די פאַרשטעהער פון דער פּאַלעסטינישער רעגירונג און געפאָדערט אַנצונעהמען ענערגישע מיטלען געגען די געפעהרליכע אַנפאַלען פון די אַראַבישע באַנדעס אויף דער נישט בעוואָפענטע בעפעלקערונג.

—0—

פּאָליציי באַמבאַרדירט אַן אַראַביש דאָרף

לאָנדאָן (יט"א) פון קאַהירא מעלדעט מען, אז אַן אָפּטיילונג בריטישע פּאָליציי האָט איבערגעפיהרט אויף א לאַסט-אויטאָ פיל פערוואונדעטע פון קאַסטיניע.

די אַראַבער פון א שכנות'דיגען דאָרף האָבען געשאָסען אויף'ן אויטאָ. די פּאָליציי האָט באָמבאַרדירט דאָס דאָרף.

יודישע דעמאָנסטראַציע אין לאָנדאָן

לאָנדאָן, 29. (יט"א) די יודישע יוגענד האָט געמאַכט א דעמאָנסטראַציע. די פּאָליציי האָט די דעמאָנסטראַציע צוטריבען. אייניגע פּערזאָנען זענען פערוואונדעט געוואָרען.

—0—

די קאָנפערענצען פון ד"ר ווייצמאַן מיט דער ענגלישער רעגירונג

לאָנדאָן, 28. (יט"א) ד"ר ווייצמאַן האָט אָפּגעהאַלטען א קאָנפערענץ מיט'ן אונטערשטאַטס-סעקרעטאַר לאָרד אַסוויל. ווייצמאַן בעטראַכט דעם רעזולטאַט פון דער קאָנפערענץ פאַר בעפרידיגענד, הגם ווייט נישט אַלע יודישע פאָדערונגען זענען נאָכגעגעבען געוואָרען.

1000 יודישע יונגע-לייט פון גאַנץ זאַגלעמביע

דעמאָנסטרירן פאַר'ן ענגלישן קאָנסולאַט אין קאַטאָוויץ

בענדין, 28. אויג. (פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) העכער 1000 יודישע יונגעלייט פון בענדין, סאָסנאָוויעץ און דאָמבראָווע האָבען היינט צו פוס אָפּמאַרשירט קיין קאַטאָוויץ, וואו זיי האָבען איינגעאָרדנעט א דעמאָנסטראַציע פאַר'ן דאָרטיגען ענגלישען קאָנסולאַט. עס האָבען זיך געהערט אויסרופען: „נידער מיט דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע אין פּאַלעסטינע!" — „נידער מיט דער באַרבאַרישער האַנדלונג אין ירושלים!"

די דעמאָנסטראַנטען האָבען זיך געוואָלט אַריינקריגען אינעווייניג אין לאָקאַל פון קאָנסולאַט. מען האָט זיי אָבער בשום אופן נישט צוגעלאָזט. אויפגערעגטע און פערביטערטע צוליב די לעצטע שוידערליכע געשעהענישען אין ארץ-ישראל, האָבען די מעהר היציגע יונגעלייט אויסגעדרוקט זייער פּראָטעסט דערמיט, וואָס זיי האָבען אויסגעהאַקט די שויבען פון קאָנסולאַט.

תיכף זענען אַרויסגערופען געוואָרען פאַרשטאַרקטע פּאָליציי אָפּטיילונגען, וועלכע האָבען די דעמאָנסטראַנטען צוטריבען. 80 פּערזאָן זענען דערביי אַרעסטירט געוואָרען. די מייסטען האָט מען אָבער אונגעזען אַרויסגעלאָזט פריי. 15 זענען געבליבען אַרעסטירט.

אין גאַנץ זאַגלעמביע קומען פאָר הזכרות און פּראָטעסט-מיטינגען.

—0—

אמעריקאנער נאָטע וואָרענט ענגלאַנד

לאָנדאָן, 28. (ספּ.) דער אַמעריקאַנער באָטשאַפטער גענעראַל דאַוס איז היינט געקומען אין אויסערן-מיניסטעריום און געבראַכט א מינדליכע נאָטע פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג מיט א זעהר ערנסטער וואָרנונג, אז אַלע אַמעריקאַנער אין ארץ-ישראל זאָלען געפינען פולען שוץ פון זייער לעבען און אייגענטום, כדי אויסצומיידען די אינטערווענץ פון אַמעריקא.

א קריגס-שיף אין פּאָרט פון יפו

יפו (יטא) א קריגס-שיף האָט געאַנקערט אין יפו'ער פּאָרט און א מאַטראָזען-אָפּטיילונג האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער יבשה.

אין ירושלים רוהיגער, הויפּט-קאַמף אַרום די קאָלאָניעס

מוצא אין פלאַמען. — עקרון און בית וגן עוואַקואירט. — וואך ביי זכרון יעקב. — פּאַניק אין חברון. —

פערביסענע קאַמפן ביי מצה.—פרומע יודען שלאָגן העלדיש אָפּ אַטאַקע אויף מזרחי-קאָלאָניע „חטה".—

ווייטערדיגע אַנפאַלען און רציחות אין חיפה

קאַהירא, 28. (יט"א) דם 27-טען 1 בייגאַכט האָט בן צבי טעלעפאָנירט: די יודישע חיפה האָט איבערגעלעבט שווערע טעג. אין ירושלים איז די נאַכט דורך עטוואָס רוהיגער. די אַראַבער האָבען אונטערגעצונדען 3 יודישע הייזער. מיט גרויס מיה איז די שרפה געלונגען איינצולעשען. מוצא שטעהט אין פלאַמען.

קאַהירא, 28. (יט"א) נאַכט-דעפּעשע. האַלב 11 פריה האָט דאָס יט"א-ביוראָ בעקומען א טעלעפאָנאַגראַם פון ירושלים, אין וועלכען עס ווערט מיטגעטיילט, אז נעכטען זענען קיין אונרוהען נישט פאָרגעקומען דאַנק דעם אַטאַקירען תמיד די אַראַבער די יודישע ישובים. אין אַלע טיילען פון לאַנד פון פערשידענע ערטער ווערט די בעפעלקערונג אַטאַקירט.

די רעגירונג האָט בעפוילען צו עוואַקואירען שפיה, דערויף האָבען די קאָלאָניסטען פון זכרון-יעקב געענטפערט, אז אויב שפיה וועט עוואַקואירט ווערען, וועט מען מוזען עוואַקואירען אויך זכרון יעקב. די רעגירונג האָט דאַן מסכים געווען שפיה נישט צו עוואַקואירען און צוגעטיילט א געוויסע וואך.

עקרון און בית וגן ווערט עוואַקואירט. די יודישע בעפעלקערונג בעטראַכט די עוואַקואַציע אַלס גרויס אומגליק, ווייל דאָס גאַנצע פערמעגען ווערט געלאָזען אויף הפקר.

יודען ווערען ווייטער ענטוואָפענט. דער ביי מאַכט די רעגירונג נישט קיין אונטערשיד צווישען ד אַראַבישע רוצחים און דער העלדישער יודישער זעלבסטשוץ.

די האַנדלונג פון דער רעגירונג איז נאָך סקאַנדאַליעזער דערמיט, וואָס זי שיקט קוקענדיג דערויף, וואָס אין לאַנד איז שוין דאָ א סך מיליטער, קען זי דאָך נישט בעהערשען די לאַגע.

חברון לעבט אין גרויס שרעק.

די רעגירונג ענטוואָפענט די יודען אין גאַנצען לאַנד, נישט בלויז ארץ ישראל בירגער, נאָר אויך בריטישע בירגער. מען זעהט אין דערין א בפירוש'ע שלעכטע טענדענץ פון דער רעגירונג.

דער „ועד הלאומי" האָט שאַרף פּראָטעסטירט געגען דער האַנדלונג פון דער רעגירונג.

די ראָלע פון אינזש. רוטענבערג

לאָנדאָן, 28. (יט"א) ד"ר ווייצמאַן האָט זיך געווענדעט צו אינזש. רוטענבערג, ער זאָל איבערנעהמען די אויפזיכט (?) פון לאַנד. אזוי אַרום איז דער לאַנג דויערנדער קאָנפליקט, צווישען ד"ר ווייצמאַן און רוטענבערג בעזייטיגט געוואָרען.

ווידער אַנפאַל אויף חיפה

אַראַבער ראַבירען און צינדען אונטער יודישע הייזער

ביירוט, 28. (יט"א) נאַכט-דעפּעשע. אין חיפה איז ווידער פאָרגעקומען א אַנפאַל. די אַראַבער צינדען אונטער יודישע הייזער און צוראַבירען יודיש גוטס. עס איז פּערהאַן א גרויסע צאָהל הריגים. די יודישע זעלבסטשוץ האָט העלדיש אָפּגעשלאָגען דעם אַנגריף.

ביירוט, 28. (יט"א) אין חיפה האָט די מאַכט קאָנפיסקירט ביי 30 פּערזאָן 35 ביקסען. די אונרוהען אין חיפה האָבען זיך בערוהיגט.

—0—

די ענטוואָפענונג פון די יודען

די אַראַבער הייסען און די רעגירונגס-בעאַמטע פאָלגען.

ירושלים, 28. (יט"א) נעכטען אָוועגד איז אין אָמאַר-מעשעט אָפּגעהאַלטען געוואָרען א גרויסע מיטינג פון מוזלמענדער אַראַבער. דער הויפּט-מופטי האָט געפיהרט דעם פאָרזיץ. צום מיטינג איז אויך געקומען דער דיסטריקט-קאָמיסאַר ראָש מיט 25 באַליציאַנטען. עס זענען געהאַלטען געוואָרען פאָלומישע רעדעס. עס איז געפאָדערט געוואָרען פון דער רעגירונג, אז די יודען זאָלען ענטוואָפענט ווערען. דער דיסטריקט-קאָמיסאַר האָט צוגעזאָגט, אז אַלע יודען זאָלען ענטוואָפענט ווערען.

• • •

ירושלים, 2'. (ספּ.) דער פּאָרזיצער פון העכסטען מאַכמעדאַנישען ראַט אין א"י, מופטי הוסיני, האָט זיך אָפּגעזאָגט צו מאַכען א רייזע איבערן לאַנד אום צו בערוהיגען און וואָרנען די אַראַבער געגען ווייטערדיגע אַנפאַלען.

ענגלישער אפיציעלער בעריכט

93 יודען טויט, 300 פערוואונדעט

לאָנדאָן, 28. (ספּעצ.) אין אָפּיציעלען בעריכט איז אָנגעגעבען אַז ביז איצט איז די צאָהל טויטע אין א"י 147, פון די 93 יודען; פערוואונדעטע זענען פערהאַן ביז 500, דערפון 100 אַראַבער.

אין תל-אביב פעלט ברויט און שפייז

קאַהירא, 28. אויגוסט. (יטא) בן-צבי מעלדעט פון ירושלים: אין חיפה קומען פאָר בלוטיגע אונרוהען. מוצא שטעהט אין פלאַמען. בית אברהם, קרית ענבים זענען געראַטעוועט. ארטוף איז צושטערט. אין תל-אביב פעהלט ברויט און שפייז.



העלדיש אָפּגעשלאָגען דעם אַנפאַל אויף דער מזרחי-קאָלאָניע "חטה"

חיפה (יטא) דער אַנפאַל אויף דער קאָלאָניע פון מזרחי „חטה" איז העלדיש אָפּגעשלאָגען געוואָרען פון דער זעלבסטשוץ.

אַלע יודען פון ירושלים קאָנצענטרירט אויף איין אָרט כדי אויפצונעמען דעם אַטאַק פון אַראַבער

ירושלים (יטא) אַלע יודען פון דער אַלט-שטאָט זענען קאָנצענטרירט אין איין אָרט, כדי זיך בעסער צו פערטיידיגען פאַר די אַנפאַלען.

די אונרוהען פערכאפען אויך סיריען און עבר הירדן

פראנצויזישע מאכט בעשיצט די יודען אין ביירוט און דמשק

2000 אראבער און דרוזען מארשירען אויף ירושלים

בערלין 28 (כפ״צ.) פון קאירא מעלדעט מען, אז די אונרוהען האבען זיך פערשפרייט אויך אין עבר-הירדן.

בעת א צוזאמענשטויס איז דערהרגעט געווארען 1 ענגלישער אפיציר. די פאליציי נעמט אן מיטלען גישט אריבערצולאזען די אראבער איבער דער גרעניץ.

ביירוט, 28 (יט״א) די מוסולמענער האבען היינט געפרובט מאכען א מאניפעסטאציע, וואס איז אבער צוטריבען געווארען דורך פאליציי. שטארקע פאליציי פאטרולען גיהען ארום אין שטאט. אלע וועגען זענען אפגעשלאסען.

* * *

ביירוט, 28 (יט״א) אהער איז אנגעקומען א פראנצויזישע קריגס-שיף.

ענגלישע קריגס-שיפען באמבארדירען חיפה

קאירא, 28. (יט״א) בן צבי מעלדעט, אז אין חיפה איז נעכטען בײטאג פארגעקומען א בלוטיגער קאמף אין ספרדי'שען קווארטאל נאהענט פון דער באהן-סטאציע, ס'זענען דא פיל פערוואונדעטע פון ביידע צדדים. בריטישע קריגס-שיפען שטעהען פון ביי דע זייטען ים-אויסגוסען בעשיסען די שטאט.

2000 אראבער און דרוזען מארשירען אויף ירושלים.

בן צבי האט ארויסגעשיקט א טעלעפאנאגראם פון ירושלים, וועלכע הויבט זיך אן מיט די ווערטער: ראטעוועט! היינטיגע נאכט ווערט ערווארט א נייער בלוטיגער קאמף. מיר האבען ידיעות, אז א ניי מחנה פון 2 טויזענד אראבער מארשירט אויף ירושלים. צווישען זיי פיל דרוזען. די רעגירונג האט ענטוואפענט אלע יודען, וואס האבען פריהער געהאט בעקומען געווער. די רעגירונג האט אויך ארײנגענומען נייע 50 שטאטישע אראבער און בעלאכבען אין דער פאליציי.

תל יוסף און גבעה פערברענט

קאאירא (יט״א) די קאלאניעס תל-יוסף און גבעה זענען פערברענט. אין טבריה איז רוהיג. אין צפת און נס ציונה רופט מען זיך אויף אונרוהען. נישטא קיין בעשטעטיגונג, אז גזרת און צושטערט געווארען.

ירושלים (יט״א) א דעלעגאציע פון קריסטליך-אראבישע סוחרים, וועלכע האבען נעכטען געעפענט זייערע געשעפטען האבען זיך געוואנדען צו די רעגירונג נאך שוץ.

אנטלאפענע קאלאניסטען אין תל-אביב

ביירוט (יטא) אלע יודען פון חולדה, א טייל אין קאסטיניא זענען אנטלאפען קיין תל-אביב.

פוילישער גענעראל-קאנסול אין ארץ-ישראל

ענטפערט אויף די טעלעגראפישע אנפראגע פון לאדזער יודען.

ה' מאקס גארדאן, אן'אייניקעל פון ר' סענדער דישקין, וועלכער וואוינט איצט אין ארץ-ישראל, האט מאנטאג ארויסגעשיקט א דעפעשע צום פוילישען גען. קאנסול אין ירושלים ה' זבישעווסקי מיט א ביטע איהם מודיע צו זיין וועגען זיין זיידע ר' סענדער דישקין, זיין מוטער פרוי גארדאן, וועלכער געפינט זיך אויך אין ירושלים, און וועגען דעם יונגען גאלבארט, א ישיבה-בחור פון דער סלאבאדקער ישיבה.

נעכטען האט ה' גארדאן דערהאלטען א דעפעשע פון גען. קאנסול, אז די אלע זענען געזונט און גערעטעוועט.

* * *

ה' בירנבוים פון זשעלאנא 28 האט נעכטען בעקומען א דעפעשע פון זיין פאטער הרב בירנבוים אין נחלל, אז ער איז געזונט.

די דעפעשע לויטעט:

„אולינו הכל בסדר (פיר אונז איז אלץ אין ארדנונג:

עס בעשטעטיגט זיך די ידיעה, אז דער פוילישער קאנסול איז שווער פערוואונדעט געווארען.

פאריז. (טעלעגראפיש) די „אליאנס צוזאמען מיט דעם רב-הכולל פון פראנקרייך ד״ר ישראל לעווי, האבען ארויסגעשיקט א טעלעגראמע צום הויכען קאמיסאר פון ארץ-ישראל, אין וועלכע עס ווערט געזאגט, אז די האנדלונג פון דער ארץ-ישראל-רעגירונג דעם פארגאנגען יום-כפור בײם כותל המערבי האט מעגליך

שלום אש האט ערקלערט, אז די אראבישע אנפאלען וועלען נישט ברעכען דעם יודישען מוט, נאר פערקערט. פערשטארקען און זיין קאמף פאר זיינע רעכט אויף ארץ-ישראל.

געמאלדען די ענטוויקלונג פון אונזערע נייע שעהענישען, ווי די, וואס מיר זעהען איצט אין ארץ-ישראל.

אראבער אטאקירען ראטשילד'ס מיהלען

חיפה, 28. אויגוסט. (יטא) די אראבער אטאקירען ראטשילד'ס מיהלען. פרידמאנ'ס וויין-קעלערען זענען פערברענט געווארען.

גרויסע פראטעסט-פערזאמלונג פון „פועלי-ציון"

די פראטעסט-פערזאמלונג פון דער לינקע פועלי ציון, וואס איז נעכטען אוועקגעקומען אין לאקאל פון געזעלשאפט „אוונט קורסען" זגערזשער 17, איז פערוואנדעלט געווארען אין א ריזיגען מיטינג פון פועלי ציון און סימפאטיקער, וועלכע האבען אין די הונדערטער פערפילט דעם זאל און דעם הויף.

אלס רעדנער זענען ארויסגעטרעטען די ה״ה בראנד, פרנס צוטורנאווסקי און ש. ראזענבערג. די רעדנער האבען ארומגערעדט די געשעהענישען אין א״י. עס איז אנגענומען געווארען א שארפע פראטעסט-רעזאלוציע, און די פערזאמלונג האט זיך פערענדיגט מיט דער שבועה פון פ. צ. און „אינטערנאציאנאל".

נעמען פון 2 דער'הרג'עטע יודען אין חיפה

חיפה, 28 (יטא) פון די וואונדען זענען געשטארבען דוד הוזען און אברהם האשעל.

פערוואונדעטע פון חברון אין די ירושלימער שפיטאלען

קאאירא, 28 (יטא) 7 פערוואונדעטע פון חברון האט מען איבערגעפיהרט קיין ירושלים.

קאאירא, 28 (יטא) בן-צבי האט בעקומען א ידיעה פון חיפה, אז דארט ווערט ארגאניזירט אן'אנפאל פון אראבער אויף בת גלים.

א בשורה טובה פאר ארטאדאקסישע עלטערן

די לייטונג פון ארטאדאקסישען לעהר-אנשטאלט „דרכי נועם"
לאדז, קילינסקי № 50 טעל. 36-26

מאכט בקאנט דאס נאך גרויסע מיה איז אונז געלונגען צו ערפילען דעם וואונש פון די עלטערן. נעמליך צו עפנען צום נייעם שול-יאהר גימנאזיאל-קורסען אונטער די לייטונג פון בעוואוסטען שול-דירעקטאר ז. פוזנער. פאראלעליג ווערט געעפענט IV V VI קל. — גלייכצייטיג איז אויך געעפענט געווארען העכערע מחלקות אין די „מתיבתא לתלמוד ולהוראה" אום צו ערמעגליכען די תלמידים זיך צו פערפאלקאמען אי אין למודי קדש אי אין למודי חול.

איינשרייבונגען ווערען אנגענומען אין די קאנצעלאריע פון 9—1 און 4—7.

די דירעקציע.

נייער אייזענבאהן-פאהרפלאן

גילטיג פון 15. מאי 1929

לאדזער פאבריק-באהן

פון לאדז

2.00	קיין ווארשע
4.45	" " (שנעלצוג)
6.40	" קאליש (אנשלוס מיט ווארשע שנעלצוג)
7.45	" ווארשע (שנעלצוג)
8.30	" קאליש (ווטאג און תנאות)
10.05	" "
10.50	" "
12.05	" " (אנשלוס מיט ווארשא שנעלצוג)
14.20	" ווארשע
14.40	" קאליש
15.40	" "
16.15	" גאלקוטע
16.3[illegible]	" ווארשע
17.8[illegible]	" קאליש
18.3[illegible]	" " (אנשלוס מיט ווארשע שנעלצוג)
19.05	" ווארשע
10.85	" קאליש
20.3[illegible]	" "
21.05	" ווארשע
21.40	" קאליש
23.15	" ווארשע

קיין לאדז

1.30	פון ווארשע
5.05	" "
6.52	" קאליש
7.28	" "
7.50	" "
8.42	" "
9.03	" אנדזשעיאו (מאנטאג און נאך יום-טוב-טעג)
9.45	" קאליש
11.12	" ווארשע
12.17	" קאליש
14.07	" ווארשע
16.04	" קאליש
16.25	" ווארשע
17.47	" ווארשע
19.25	" גאלקוטע
20.28	" ווארשע
20.42	" " (שנעלצוג)
21.17	" קאליש (ווטאג און תנאות)
22.12	" " (ווטאג און תנאות)
22.52	" ווארשע

קאלישער באהן

פון לאדז

0.20	קיין קוטנא (אנשלוס מיט דאנציג און גדיניע)
2.05	" פויזען
3.02	" ווארשע
6.37	" " (שנעלצוג)
7.30	" "
7.50	" פויזען
8.55	" קאליש
9.32	" קוטנא
10.15	" זבאנשין
12.40	" קוטנא
12.50	" פויזען
13.20	" ווארשע
13.39	" "
15.15	" קוטנא
15.25	" פויזען און זבאנשין
15.50	" קוטנא און פויזען
18.41	" לאוויטש
19.30	" אסטראווא
20.12	" לעמבערג און סקאושיסקא
20.35	" אלעקסאנדראווא, דאנציג און גדיניע
21.55	" פויזען און זבאנשין
22.15	" קאטאוויץ און קראקא
23.05	" זבאנשין (שנעלצוג)

קיין לאדז

1.50	פון ווארשע
2.46	" אסטראווא
6.28	" פויזען און זבאנשין (שנעלצוג)
7.12	" פויזען און זבאנשין
7.14	" קאטאוויץ און קראקא
7.28	" קוטנא
8.05	" גדיניע, דאנציג איבער קוטנא
8.45	" אסטראווא
9.26	" לעמבערג (איבער סקאושיסקא)
10.06	" ווארשא (שנעלצוג)
12.34	" "
13.15	" פויזען
13.25	" פויזען און זבאנשין
13.28	" פויזען
13.50	" קאליש
19.16	" לאוויטש
19.45	" פויזען (שנעלצוג)
20.02	" דאנציג, גדיניע און קוטנא
21.40	" ווארשא
22.01	" אלעקסאנדראווא
22.58	" ווארשא (שנעלצוג)
23.15	" פויזען

די לייטונג פון דער לעהר-אנשטאלט
„דרכי נועם"
לאדז, קילינסקא 50, טעלעפאן 35-26
מאכט בעקאנט. אז ס'זענען נאך פערבליבען עטליכע פרייע פלעצער אין די מחלקות ר' ד' און מתיבתא.
שילער ווערען אנגענומען אין דער קאנצעלאריע יעדען טאג פון 9 ביז 2 מיטאג און פון 4 ביז 7 אוונט.
די למודים הויבען זיך אן כ"ו מנחם אב הבעל"ט (דעם 1 ווזשעסען).
די לייטונג.

ס'ווערט געזוכט
א גוטער היטעל-מאכער-געזעלען
נאך גרודזשאנדז
אנגראראווא 7 ביי ה' קראטאשינסקי.

Dr. med. H. Różaner
ספעציאליסט פון הויט- און ווענערישע קראנקהייטען און קינדערלאזיגקייט
נארוטאוויטשא 9, טעל. 28-98
נעמט אן פון 8 ביז 10 פריה און פון 5 ביז 8 אוו.
פאר פרויען ספעציעלער ווארטע-צימער.

קוראטאריום פאר בית-יעקב-שולן
צעגעלניאנא 24, טעל. 70-28, פיראמאוויטש 15, טעל. 70-27, צעגעלניאנא 3.

א איבעראשענדע בשורה! צום שול-יאהר 1929-30
ווערט געעפענט אין צענטרום שטאט צעגעלניאנא 3.
אצענטראלע בית-יעקב-שולע
אין וועלכע ס'וועט זיין: 1) VIII קל. טעכטער-גימנאזיום, 2) פאר און נאכמיטאגדיגע 7 קל. פאלקס-שולע, 3) אוונט-קורסען און פאר-אויסבילדונג פאר ערוואקסענע, 4) פאר און נאכמיטאגדיגע פרעבעל-שולע.
די פרייזען זענען צוגענגליכע. — די שולע איז מיט רעגירונגס-רעכט. — איינשרייבונגען ווערען אנגענומען אין אונזערע בית-יעקב-שולען צעגעלנ. 24 און פיראמאוויטש 15 פון 9—12 און פון 3—6 נאכמ.

Dr. med. M. Heller
ספעציאליסט פאר הויט- און ווענערישע קראנקע און מענער-שוואכע
נאווראט 2, טעל. 79-89
נעמט אן ביז 10 פריה, און פון 4—8 אוונד
פאר פרויען פון 4—5 נאכמ.
פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע פרייזען.

Dr. Wołkowyski
צוריקגעקעהרט
צעגיעלניאנא 25
טעלעפאן 26-87
ספעציאל-ארצט פאר הויט וועגערישע קראנק-הייטען און מענער-שוואכע. עלעקטר. אנאליזען בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען.
נעמט אן פון 8—2, און פון 6—9 אוונט.
בעזונדער ווארטע-זאל פאר פרויען.

Dr. med Adam BENDER
האט זיך איבערגעצויגען אויף
נארוטאוויטשא 30 טעל. 14-75
ספעצ. פאר אינערליכע און הארץ-קראנקהייטען
נעמט אן פון 5—7 נאכמיטאג. 0085

Dr. Niewiażski
האט זיך איבערגעצויגען
אויף אנדזשעיא 5, טעל. 59-40
נעמט אן פון 8—11 מיטאג און פון 5—9 אוונט.
ספעציאל-ארצט פאר סיפיליס, טריפער און מענער-שוואכע בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען.
פאר דאמען ספעציעלער ווארטע-זאל.

Dr. med. A. Mazur
ספעציאל-ארצט פאר אויערן, נאז און האלז-קראנק ווי אויך שטום און שפראך-פעהלער
ווסכאדניא 65
(איינגאנג אויך דורך פיעטריק. 46) טעל. 66-01

ווינער ארטאפעדישע פראצאווניע
— אונטער אויפזיכט פון א דאקטאר ספעציאליסט - מאכט לויט גיפס-מאדעלען וואקלדעקס געגען פלאם-פיס קינסטליכע פיס, ארטאפעדישע גארסעטען און אפאראטען א. ז. וו. גדאנסקא 28 וו. 1 פון 5—7 אוונד

אין פאדעמביץ
בעקומט מען שטענדיג דאס
„לאדזער טאגעבלאט"
אין דער זאדע-וואסער-בודקע
ביים טראמוואי-פשיסטאנעק.

Dr. med. Józef Imich
ספעציאל-ארצט פאר האלז, נאז, אויערן און קעהל קאפ-קראנקהייטען
מאניושקי 1
Moniuszki 1, Tel. 9-97
נעמט אן פון 1 ביז 7 אין אוונד

Dr. med. J. LUBICZ
ORTOPEDA
גדאנסקא 28, טעל. 41-46
ספעציאליסט פון ביינער און געלענק-קראנקהייטען
:—: פערקרימונגען פון פלייצעס און גלידער. :—:
אייגענע פראצאווניע
פון זעמטליכע ארטאפעדישע אפאראטען: ווי וואקלאדעקס געגען פלאטפוס, קינסטליכע פיס, ארטאפעדישע גארסעטען א. ז. וו.
נעמט אן פון 5—7

ענגלאנד, פעלקער-בונד און ארץ-ישראל

לארד מעלטשעט קאנפערירט מיט'ן קאלאניאל-מיניסטער אין לאנדאן

יודישע „אגענץ" פאדערט ענטשעדיגונג פון דער ענגלישער רעגירונג

ענגלאנד'ס שאנדפלעק

א שחיטה אין ירושלים! א בלוט-באד אין גאנץ ארץ ישראל, וואס שטעהט אונטער דעם שוץ פון „בריטישען ליאב" — פון אויפגעקלערטען ענגלאנד!!

צי קאנען מיר זיך פארשטעלען עפעס שרעקליכערעס, עפעס אויסטערלישעס, ווי — א גרויזאמען מאסען-מארד פון אינשולדיגע מענשען, פון תינוקות של בית רבן, פון ישיבה-בחורים, פון זקנים, רבנים — אין בעסטיאלישע פערגוואלדיגונגען „בחוצות ירושלים" — אויף די אויגען פון דער ענגלישער מאכט!

א בלוט-באד אין ירושלים — אין הארצען פון ארץ ישראל — דאס איז נישט סתם א פאגראם, ווי עס פלעגט פארקומען אין רוסלאנד, בעת דעם צארישען רעזשים, — דאס איז א אלגעמיינער פאגראם אויפ'ן כלל ישראל, דאס איז א מעסער-שטאך אין הארצען פון גאנצען יודישען קבוץ!

בעת דער טעלעגראף האט אונז געבראכט די ערשטע ידיעות וועגען צוזאמענשטויסען ביים און וועגען דעם כותל-מערבי, האט מען נאך געקענט מיינען, אז דאס איז בלויז א צופעליגער קאנפליקט, א טייצווייליגער אינצידענט, וואס וועט זיך לאזען אהן בעזונדערע שווערינקייטען בעזייטיגען. אבער ווען עס איז שפעטער אנגעקומען די שרעקליכע בשורות וועגען די שחיטות פון די ווילדע, בעסטיאלישע אראבער, — האט דאס גאנצע יודישע פאלק א צוטער געטון. איבעראשט און ערשטוינט האט מען זיך געפרעגט: ווי איז דאס צו ערקלערען, היתכן?! זאל דאס מעגליך זיין?!

זאל אזא מורא'דיגע שחיטה קענען פארקומען אונטער די אויגען פון דער ענגלישער מאכט, פון די פארשטעהער פון גרויסען, שטארקען און קולטורעלען פאלק, וואס האט שוין אין זעכצעהנטען יאהרהונדערט געשאפען דער וועלט דעם „מאגנא כארטא ליבערטאטוס", דעם „גרויסען פריהייטס-דאקומענט" פאר דער צו יענער צייט פערקנעכטעטער מענשהייט?

זאל דאס זיין ענגלאנד, וואס גרויסט זיך מיט אהר פילאסעמיטיזם, וואס איז זיך מתיחס מיט אונז און וויל אפילו בעווייזען אהר אפשטאמונג פון די „עשרת השבטים"?!

זאל דאס זיין ענגלאנד, וואס רעגירט איבער טויזענדער קאלאניעס און אינזלען, וואס בעהערשט מיט אנ'אייזערנער פויסט צעהנדליגער מיליאנען פון פערשידענע פעלקער און שבטים — און זאל גראד אין ארץ ישראל קאפיטולירען לגבי די ווילדע אראבער און זיין שוואך און מאכטלאז צו דערשטיקען די בלוטיגע ארויסטרעטען באלד אין אנהויב און איינצוהאלטען דעם חיה'שען אינסטינקט פון דער צעווילדעוועטער בעסטיע?!

נאך איז צו גרויס דער וועהטאג, נאך איז צו פריש די וואונד און נאך איז דאס מייכלעכווייז פערגאסענע יודישע בלוט נישט פערגליווערט, כדי זיך צו קענען קאלטבלוטיג אפגעבען א דין וחשבון פון דער גאנצער שרעקליכקייט פון די געשעהענישען, פון אט דער גרויזאמער רציחה, וואס דערמאנט אונז די ערגסטע און טרויעריגסטע עפאכען פון אונזער אזוי מערטירערפולער געשיכטע: אין די שרעקליכע הריגות פון די קרייצצוגלער און די ווילדע הארדעס פון כמיעלניצקי י"ש.

מיט פערביסענע ציין און צוזאמענגעפרעסטע נערווען מוזען מיר איינהאלטען אונזער טיפען שמערץ און בערעכטיגטען כעס און ווייטער קעמפען פאר דער דערהאלטונג פון אונזער „ארץ אבות" אלס נייע היים פאר אונז און די קומענדיגע דורות.

אמת: „קטן יעקב ודל" — קליין אין צאהל זענען מיר לגבי דער אויבערמאכט פון אונזערע שונאים און ארים אין מאטעריעלע מיטלען. עס שטעהען נישט צו אונזער דיספאזיציע מחנות פון מיליטער מיט די פערפולקומענסטע געוועהרען און די נייעסטע ערפינדונגען פון „תכסיסי מלחמה".

אויב מיר זענען ארים אין דער פויסט מאכט, אויב מיר פערמאגען נישט קיין „ידי עשו", — איז אונז אבער איבערגעבליבען דער „קול יעקב", און אט מיט דעם דאזיגען קול יעקב, מיט אונזער פאלקס-שטים וועלען מיר נישט אויפהערען צו שרייען, מיט א געהויבענער שטימע וועלען מיר דער וועלט אנווייזען אויף די דאזיגע שרעקליכסטע און גרויזאמסטע רציחה אין אונזער היים-לאנד, וועמענס שוץ איז פון פעלקער-בונד אנפערטרויט געווארען דעם שטארקען, מעכטיגען און ציוויליזירטען ענגלאנד!

„ידיך דמים מלאו ואנגליה!" קענען מיר אויסרופען צו ענגלאנד. דיינע הענט זענען פול מיט יודיש בלוט, וואס איז און ווערט פערגאסען אין ארץ ישראל!

א שווארצער פלעק איז געפאלען אלס שאנד-צייכען אויפ'ן שטערן פון ענגלאנד, און דער דאזיגער „אות קלון" ברענט ווי א קיין-צייכען אויף דער ענגלישער מאנדאטאר-מאכט.

מ. ק.

די געהענישען אין ארץ ישראל

וועלען בעטראכט ווערען דורכ'ן פעלקער-בונד

גענף (ספ.) אין די קרייזען פון פעלקער-בונד פערזיכערט מען, אז בעת דער בערוכט פון דער מאנדאט-קאמיסיע אויף דער נאהענטסטער זיצונג פון פעלקער-בונד וועט מען ארומרעדען די געשעהענישען אין ארץ ישראל.

קאנפערענץ פון לארד מעלטשעט

מיט'ן ענגלישען קאלאניאל-מיניסטער

לאנדאן, 28. אויג. (יט"א) נעכטען אווענד האט לארד מעלטשעט אפגעהאלטען א קאנפערענץ מיט דעם אונטערשטאטס-סעקרעטאר פון קאלאניאל-מיניסטעריום לארד אקווילד. אקווילד האט צוגעזאגט, אז ער וועט זיכערן א רוהיגע קאמוניקאציע צווישען דער יודישער „אגענץ" אין לאנדאן און דער עקזעקוטיווע אין ירושלים. ער האט אויך צוגעזאגט, אז די רעגירונג וועט צושטעלען גענוג שפייז און ברויט פאר די איזאלירטע קאלאניעס און שטעט.

„די רעגירונג טוט וואס זי קען"

בעירוט (יט"א) דער קאנסולאר קארפוס אין ירושלים האט זיך היינט געווענדעט צו דער א"י-רעגירונג וועגען שוץ פאר די אויסלענדישע בירגער. דער ענטפער איז געווען: מיר טוען אלץ, וואס מיר קענען.

פרעז. הובער וועט אינטערווענירן

ניו-יארק (יטא) הובער האט היינט אויפגענומען אין ווייסען הויז א דעלעגאציע פון אמעריקאנער ציוניסטען. הובער האט זיי ערקלערט, אז אמעריקא האט בנוגע איצט שוין געטון און וועט ווייטער טון אלץ, וואס איז נאר מעגליך אויפ'ן אינטערנאציאנאלען באדען צו שיצען דאס לעבען פון די אמעריקאנער בירגער אין ארץ ישראל.

די דעלעגאציע איז געווארען שטארק איבערגענומען פון הובער'ס ווארימע בעציהונג.

ווענדונג פון הרב קוק צו די רבנים אין דער גאנצער וועלט

ירושלים, 28. אויגוסט. (יטא) הרב קוק האט זיך געווענדעט מיט אנ'אפעל צו אלע רבנים פון דער גאנצער וועלט, אז מען זאל בעטען גאט ער זאל ראטעווען די יודען אין ארץ-ישראל.

פראטעסט פון „אליאנס" און פון פראנצויזישען רב-הכולל.

ירושלים. (טעלעגראפיש) עס בעשטעטיגט זיך די ידיעה, אז דער פוילישער קאנסול אין ארץ-ישראל ד"ר זבישעווסקי איז שווער פערוואונדעט געווארען בעת די נאכט-שלאכטען צווישען די יודען און אראבער.

א הויכער ענגלישער בעאמטער, וואס האט זיך געפונען אין זיין געזעלשאפט, איז דערהרג'עט געווארען.

יודישע אגענץ פאדערט ענטשעדיגונג פאר'ן ישוב

לאנדאן (יטא) אלע מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע און פון דער אגענץ וועלכע געפינען זיך אין לאנדאן, האבען אפגעהאלטען א בעראטונג. וויצמאן האט פארמולירט א רייהע פאדערונגען צו דער רעגירונג. איינס פון די פאדערונגען איז ענטשעדיגונג פאר דעם חרוב געווארענעם האב און גוטס. אין דער פריה וועט וויצמאן איבערגעבען די פאדערונגען דעם שטאטס-סעקרעטאר פאר קאלאניעס.

אויסערגעוועהנליכע זיצונג פון אקציאנס-קאמיטעט

זאל ווערען צוזאמענגערופען צוליב די ארץ-ישראל געשעהענישען.

גענף (יט"א) לעא מאצקין האט טעלעגראפירט קיין לאנדאן, אז עס זאל צונויפגערופען ווערען אנ'אויסערגעוועהנליכע סעסיע פון אקציאנס-קאמיטעט.

יודען פאדערן אנ'אויספארשונגס-קאמאסיע

ירושלים (יט"א) די אלגעמיינע פאדערונג פון ישוב איז, אז די צענטראל-רעגירונג זאל ארויסשיקען אנ'אויספארשונגס-קאמיסיע. די געפאדערטע איז נאך נישט פערבייי.

נאטאן שטרויס גיט 25 טויזענד דאלאר אויף שפייז פאר ירושלים

ניו-יארק, 28. אויגוסט. (יטא) נאטאן שטרויס האט מנדב געווען 25 טויזענד דאלאר אויף שפייז פאר ירושלים.

דעפעשע פון יודישן פרויען-פערבאנד אין ווארשא צום ענגלישען ארבייטס-מיניסטער

ווארשא (יט"א) דער יודישער פרויען-פערבאנד אין פוילען האט ארויסגעשיקט א דעפעשע קיין לאנדאן צום ענגלישען ארבייטס-מיניסטער פרוי מאר-נארעט לארד וואנפיל, אז זי זאל ארויסגעבען א פראטעסט-אויפרוף צו אלע ענגלישע פרויען.

לואי מארשאל נאך אנ'אפעראציע

צוריך (יטא) לואי מארשאל האט זיך דא געלאזט מאכען אנ'אפעראציע, דער געזונד-צושטאנד גוט.

יודען רייסען זיך קיין ארץ-ישראל

לעמבערג (יט"א) פיל יונגעלייט מעלדען זיך אין פאלעסטינא-אמט, אז זיי ווילען תיכף ארויספאהרען קיין ארץ ישראל.

לאדזער ישיבה בחור געשמד'ט אין דאנציג

דאנציג (יט"א) די מיסיאנערען האבען דא אפגעשמד'ט דעם לאדזער ישיבה-בחור אברהם ברולאנט 24 יאהר אלט.

יוד. הילפס פעדעראציע פון לאנדאן וועט שיקען מאשינען און רויה-מאטעריאלען פאר דעקלאסירטע יודען פון אוקראינע.

מאסקווא, (יט"א) די יודישע הילפס-פעדעראציע פון ענגלאנד וועט האבען די פולע רעכט ארייצופירען קיין אוקראינע פאר די דעקלאסירטע יודען מאשינען און רויה מאטעריאלען פריי פון צאל-אפצאהל. די דאזיגע הנחה איז געמאכט געווארען דער פעדעראציע דורך א צייטווייליגען אפמאך, וואס דער סעקרעטאר פון דער פעדעראציע א. מ. קייזער, האט דא געשלאסען מיט דעם „קאמזעט".

—0—

די ענגלישע פרעסע וועגען די לעצטע געשעהענישען אין א"י

לאנדאן. (יטא) די גאנצע ענגלישע פרעסע ווידמעט פיל ארט די לעצטע געשעהענישען אין ארץ-ישראל און פערעפענטליכט אויף דער ערשטער זייט די י.ט.א.-מעלדונגען פון ארץ-ישראל.

די צייטונג „ניושען אטענעאום" ווידמעט די ארץ-ישראל-געשעהענישען א לייט-ארטיקעל, אין וועלכען עס ווערט צוו. אגר. ערקלערט:

„די עולה, וואס ווערט אפגעטון לגבי יודען אין ירושלים, וואלט קיין שום ענגלישער אדמיניסטראטאר נישט געהאט די דרייסטקייט אויסצופיהרען אין בעצוג צום שבט בנאמו אין מיטעל-אפריקא, וועלכע רופט אפ תפילות צום אפגאט נומבא-דזשומבא".

מיסיאנערען שיצען יודישע פאמיליעס

ירושלים (יטא) פיל פאמיליעס פון רחבות בעקומען שוץ אין די בנינים פון די מיסיאנערען.

אויף א פערזאמלונג פון יודישע ספיריטואליסטען אין לאנדאן

וואויל איז צו די גלויבינגע, זיי האבען די וועלט און יענע וועלט. עס בעאומרואיגען זיי גאר קיין ספקות און עס עקזיסטירען פאר זיי נישט קיין וועלט-פראבלעמען. זיי געניסען פון לעבען און האבען קיין מורא נישט פאר'ן טויט.

אט הערט אויך הערען א יודישע פרוי מיט אנ'אויסזעהן פון א יודישער מאמע. זי טראגט ארויף אויף דער טריבונע אבי-סעל פערשעמט און פערוימעלט אין פנים, און ענטשולדיגט זיך אין א שלעכטען ענגליש און אין שלעכט צונויפגעבויגענע פראזען, אז זי האט נאך פון א טריבונע קיינמאל נישט גערעדט. נאכדעם ערקלערט זי, אז אין די יונגע יאהרען איז זי כלל נישט געווען קיין גלויבינגע. וועגען א גאטהייט האט זי געהאט א שוואכען בעגריף און אין יענער וועלט האט זי לגמרי נישט געגלויבט, עס האט אבער פאסירט א פאל, ווען זי האט זיך פעראינטערעסירט מיט'ן ספיריטואליזם און פונקט דעמאלט איז גאט געווען אזוי גוט צו אהר, אז ער האט איר ארווייזען דעם נס און פון דעמאלט אן גלויבט זי פעסט—גייז, נוט נאר גלויבט זי, נאר זי ווייסט עס אויף זיכער — אז ספיריטואליזם איז דער אמת אליין און אהר איז אהר און וואויל אין אהר איז גוט.

וואלט איהר ווייסען, וואס פאר א נס עס האט פאסירט מיט אט דער פרוי, וואס האט אהר געמאכט צו זיין אזוי זיכער אין דעם אמת פון ספיריטואליזם? מע הערט זשע ווייטער:

יוד. מאמע דערציילט איהרע ערפארונגען מיט גייסטער.

מיט 15 יאהר צוריק — דערצעהלט די פרוי, וועלכע הייסט מיסעס לעווענטאל — מיט 15 יאהר צוריק איז זי געווען קראנק, א חולה מסוכן. די דאקטוירים, צוויי מומחים, האבען אהר געזאגט, אז זי מוז האבען אנ'אפעראציע, אנדערש, האבען געזאגט די דאקטוירים, קען זי נישט לעבען. העכסטענס וואלט זי געקענט לעבען נאך 6 חדשים.

זיך לאזען אפערירען האט זי אבער מורא געהאט. זי האט נאך דעמאלט, זאגט זי, מורא געהאט פאר'ן טויט. מחמת זי איז נאך נישט געווען זיכער, ווי זי איצט, אז דער טויט איז גאר אנ'איבערגאנג צום אייביגען לעבען.

און טראכטענדיג אזוי וועגען דער אפעראציע און וועגען טויט איז זי איינגעדרעמעלט, און דאן איז צו אהר געקומען אהר טויטע מוטער און האט צו אהר געזאגט: „טאכטערל, לאז זיך נוט אפערירען. מ'דארף נוט קיין אפעראציע, וועסט אזוי געזונד ווערען" — און איז פערשוואונדען.

פערשטעהט זיך, אז זי האט זיך שוין נישט געלאזט אפערירען און כאטש די דאקטוירים האבען גע'טענה'ט, אז זי מוז אפערירט ווערען איז זי אבער בעשטאנען אויף אהר'ס און — זי לעבט נאך עד היום. וואלט זי זיך אבער יא געלאזט אפערירען איז זי זיכער, אז זי וואלט שוין לאנג געווען טויט.

אדרבה, פאר מיר איז דאס לעבען נאכ'ן טויט נאך אינטערעסאנטער און שעהנער ווי דאס, וואס מיר רופען על פי טעות לעבען; נאר איך וואלט שוין לאנג געווען טויט.

אט די דרשה און נאך עטליכע דרשות האב איך געהערט די טעג אין דעם ארויסטאקראטישען קעקסטאן-זאל, ביי דער גרינדונגס-פערזאמלונג פון א חברה, וועלכע האט זיך א נאמען געגעבען „אור ישראל", און וואס אין ענגליש רופען זיי זיך מיט דעם קלינגענדיגען נאמען „דזשואיש סאסייעטי פאר סייקיק רי-סוירטש".

דער ציל פון דער שפאגעל נייער געזעלשאפט איז צו פערשפרייטען די אידעע פון ספיריטואליזם צווישען די יודען אין ענגלאנד, איינצואורדנען ספיריטואליסטישע סעאנסען, צו זיין אין שטענדיגען קאנטאקט מיט יענער וועלט און אונטערהאלטען זיך דורך „מעדיומען" פערשטעהט זיך — מיט די לאנג פערשטארבענע קרובים.

נאך אנ'אויפגאבע פון דעם נייגעגרינדעטען יודישען פעראיין איז צו היילען חולאים דורך ספיריטואליזם, אדער ווי זיי רופען עס אן — „צו היילען קראנקע מיט דער הילף פון דעם גרעסטען רופא — דעם מלאך מיכאל".

עס האט נאך דעם געהאלטען א לאנגע אומעטיגע רעדע די פארזיצערין פון דער פערזאמלונג, מיס רעגינא בלאך, א סענטימענטאלע מיידעל, וואס שרייבט — נוט, חלילה, וואס איך האב מורא — לידלעך אין ענגליש און האט אויך פרובירט איבערזעצען א פאר יודישע דיכטער אין ענגליש.

נאכדעם איז ארויסגעטרעטען מיט א רעדע מר. העגען סוואפער, א בעקאנטער ענגלישער זשורנאליסט.

זיין רעדע האט סוואפער אנגעהויבען מיט דער ערקלערונג, אז ער איז נישט קיין אנטיסעמיט, ווי מ'האט אוהם פערווארפען צווישען יודען, נאר אז אלס זשורנאליסט האט ער ליב צו זאגען דעם אמת, און דעם אמת, זאגט ער, האט מען ליב...

יודען, האלט ער, האבען אויפגעהערט צו זיין פאנאטיקער, ווי זיי זענען עס אמאל געווען, זיי האבען איצט א גרויסען דורשט נאך ווייסען, נאכ'ן ריינעם אמת און ליכט, בכן — בעקעהרען זיי זיך צום ספיריטואליזם...

און נאך אט דער אפשולדערונג פון א יודען ביי א יודישער פערזאמלונג, דערצעהלט העגען סוואפער וועגען די גרויסע וואונדער פון ספיריטואליזם פון זיין אייגענער ערפאהרונג. ער האט, למשל, דערצעהלט, אז ער האט אליין געזעהן 16 פינגער אפצודרוקען דעם גייסט פון א פערשטארבענעם, וועלכע מען האט זאל דעם פערגליכען מיט א פינגער-אפדרוק אויף א ראזיר-מעסער, וועלכען דער פערשטארבענער האט בענוצט קורץ פאר זיין טויט, און ס'איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז די פינגער צייכענס זענען די זעלבע...

ער האט אויך דערצעהלט, אז בעניטא מוסאליני האט געהערט רעדען זיין טויטען פאטער און מוטער, און נאך אזעלכע נסים ונפלאות.

נאך איהם זענען ארויסגעטרעטען א גאנצע רייהע אנדערע רעדנער און רעדנערינס, וועלכע האבען בייגעצאהלט די וואונדער פון ספיריטואליזם און ווי זיי האבען אליין געזעהן און געהערט רעדען די גייסטער פון מענשען שוין לאנג טויטע.

איינער פון די רעדנער, א יוד, האט דערצעהלט, אז 20 יאהר נאכאנאנד איז ער געווען אנ'אטעאיסט און האט פערלייקענט די אידעע פון א גאטהייט און אלץ, וואס האט צו טון מיט מעטאפיזיק. איצט אבער, רופט ער אויס מיט בעגייסטערונג, האט ער געפונען דעם סוד פון לעבען אייביג; אז נוט נאר לעבט די נשמה, דער גייסט נאכ'ן טויט, נאר אז אויך דער קערפער לעבט, יהא-ראיה — די פינגער אפדרוקען פון די גייסטער, די פאטאגראפיעס פון די לאנג פערשטארבענע, וועלכע זיי האבען ארויסגערופען צוריק אויף דער וועלט און פאטאגראפירט, און נאך אזעלכע וואונדערליכע בעווייזען...

די אנוועזענדע ביי דער פערזאמלונג, —ארום הונדערט אין צאהל, מייסטענס פרויען — האבען ממש געשלונגען די ווערטער פון די רעדנער און האבען שטארק אפלאדירט. עס זענען דא געווען ארויסטאקראטישע דאמען און הערען, ווי אויך פשוט'ע יודען און יודענעס וואס זענען געקומען אזש פון ווייטשעפעל.

די גאנצע פערזאמלונג האט געמאכט דעם איינדרוק פון א נייעם סארט מיסיאנערישער אויפגאבען גלאצעניש, מיט דעם אונטערשייד נאר, וואס דא איז נישט גערעדט געווארן וועגען משיח און ישוע.

קיין דעבאטען אדער חקירות וועגען דעם, וואס דא איז געזאגט געווארען, האט מען נוט צוגעלאזען מיט דעם תירוץ, אז דאס איז נוט קיין פראפאגאנדע-פערזאמלונג, נאר א גרונדונגס-פערזאמלונג.

נעבען מיר איז געזעסען א יונגערמאן, וועלכער האט געוואלט בעווייזען, אז די בעהויפטונג פון די רעדנער, אז ספיריטואליזם איז אין איינקלאנג מיט יודישע דינים און מנהגים, איז פאלש; פערקעהרט, לויט'ן יודישען דין מוזען די לעבעדיגע זיין אפגעשיידט פון די טויטע, אז א מת איז טמא און נאר דאס זיין אין דער אנוועזנהייט פון א מת מאכט טמא און מ'מוז זיך נאכדעם וואשען, איידער מ'קומט זיך צונויף מיט אנדערע לעבעדיגע מענשען; אז כהנים טארען כלל נישט קומען נאהענט מיט א מת און טארען דעם שוועל פון א בית-עולם נישט אריבערטרעטען. וואס דאס בעווייזט, אז דער אבערגלויבען פון ספיריטואליזם האט אמאל געמוזט זיין שטארק פערשפרייט צווישען יודען און אז משה רבינו און די חכמי התלמוד האבען מיט די אלע דינים געזוכט צו בעקעמפען אט דעם אבערגלויבען.

די פארזיצערין האט אבער נישט געגעבען קיין געלעגנהייט דעם יונגערמאן אפצורעדען זיך פון הארצען און די רעזאלוציע וועגען דער גרונדונג פון דער שפאגעל נייער חברה „אור ישראל" איז אנגענומען געווארען „איינשטימיג". און אזוי זענען מיר דא אין לאנדאן בערייכערט געווארען מיט א נייער יודישער חברה, א חברה, וועלכע גלויבט, אז זיי וועלען לעבען אייביג נאכ'ן טויט, בכן, זאגען זיי, האבען זיי קיין מורא נוט פאר'ן טויט.

פונדעסטוועגען איז איינס פון זייערע הויפט-צילען — צו היילען קראנקע „מיט דער הילף פון דעם גרעסטען רופא — דער מלאך מיכאל". אויב זיי ווילען היילען אט מיט די מיטלען בלויז אנדערע, אדער זיך אליין אויך, דאס איז געבליבען א סוד...

לאדזשער יודען! שטיצט באַטש מיט געלד דעם שווער-געפּרובטען ארץ-ישראל-יודענטום!

נדבות ווערען אנגענומען אין אדמיניסטראציע פון „לאדזשער טאגעבלאט"

לאדזשער כראָניק.

גנבה אין א טאבאק-געשעפט

א חברה גנבים האבען זיך מאנטאג בײנאכט אריינבעקומען אין טאבאק-געוועלב, אנדזשעיא 58 און ארויסגע-גנב'עט פון דארט טאבאק און פאפּיראַ-סען פאר 2 טויזענד זל.

בלעכער אראפגעפאלען פון א דאך

אויף ליגעלסקא גאס 12 איז נעכטען פארגעקומען א טויט-פאל. דער בלעכער-מײַסטער יוזעף אווראזיש איז אראפגע-פאלען פון דאך אויף דער ערד אראפ און צובראכען דעם הויפטשדרה. אין א האפנונגסלאזען צושטאנד האט מען אים אפגעפיהרט אין שפיטאל.

ראמאן שטשעטשינסקי, דער מערדער פון מיכאל קרול אנטלאפען פון תפיסה אויף קאפערניק-גאס

מען האט איהם אבער איז פופצען מינוט ארום געכאפט

נעכטען פרוה איז די פאליציי בײם קאלישער וואקזאל אלארמירט געווארען פון א ידיעה, אז דער בלוטיגער רוצח ראמאן שטשעשינסקי, דער מערדער פון לאדזשער יודישען הויז-בעזיצער מיכאל קרול, וועלכער איז פער'משפט געווא-רען אויף אומבײגיגע תפיסה, איז אנטלא-פען פון דער לאדזשער תפיסה אויף קא-פערניק-גאס.

עס שטעלט זיך ארויס, אז שטשע-טשינסקי איז אנטלאפען בײ פאלגענדע אומשטענדען:

דרײַ פערטעל אויף 8 פרוה איז אויפ'ן טורמע-הויף פארגעקומען דער געוועהנ-ליכער שפאציר פון די ארעסטאנטען, צווישען וועלכע עס האט זיך אויך גע-פונען שטשעטשינסקי. אין א געוויסען מאמענט, ווען די תפיסה-פאליציי האט אראפגעלאזט דעם בליק פון דעם בלוי-טיגען מערדער, האט שטשעטשינסקי בליצשנעל זיך ארויסגעכאפט פון זײַן הכרים-קרײַז און איז אריבערגעשפרונ-גען דעם פלאט, וואס געהט ארום צו דער קאפערניק-גאס. נאך דעם אנטלא-פענעם פערברעכער האט זיך אנגעהויבען א ווילדער געיעג און א שיסעריי. אבער איידער די טורמע-פאליציי האט בעוויזען צו פערזיכערן פאר אנטלויפען די איבריגע ארעסטאנטען, האט שטשע-טשינסקי בעוויזען פון זיך אראפצוואר-פען די טורמע-בלוזע און לויפענדיג אין בלויזען העמד פערשוואונדען אין דער ריכטונג פון קאלישער וואקזאל. דאן איז שטשעטשינסקי אריין אין דער שלעכטע-גאס. דארט איז דער מערדער פלינק אריבערגעשפרונגען דעם פארקאן פון מי-ליטערישען שפיטאל און זיך בעהאלטען צווישען די געדיכטע קושאקעס.

דאס שיסעריי, וואס האט זיך בעת מעשה געהאט געטראגען איבער די זשע-ראמסקי, אננא און קאפערניק גאסען, האט געשטעלט אויף די פיס אויך די וואך בײם מיליטערישען שפיטאל.

דער אונטער-אפיציר פון שפיטאל, ה' פיקאלא האט זיך געלאזט זוכען דעם מערדער צווישען די קושאקעס פון פא-ניאטאווסקי-פארק, וואס גרענעצט זיך מיט'ן שפיטאל. דער בעהאלטענער רוצח האט זיך גוך דעריגעטירט אין דער גע-פאהר, וואס לויערט אויף איהם און א צומישטער האט ער ווידער גענומען לויפען. דא איז ער אריינגעפאלען אין דעם שפיטאל-דורכגאנג, וואו דער קאפ-ראל פײַערמאן און דער זעלנער בער-נארסקי האבען איהם מיט פח אנגעדער-געוואָרפען אויף דער ערד. צווישען דעם מערדער און די זעלנער איז ענטשטא-נען א געשלעג. ענדליך האבען די זעלנער גובר געווען. א צובלוטיגטען האט מען דעם מערדער איבערגעגעבען אין רשות פון דער פאליציי. דאס געיעג נאך דעם אנטלאפענעם גזלן האט געדויערט נישט קיין גאנצע 15 מינוט.

איצט איז שטשעטשינסקי איזאלירט געוואָרען אין א בעזונדערער, שטארק בעוואכטער צעלע. אונאפהענגיג דערפון וועט ער דיסציפלינאר בעשטראפט ווע-רען.

„עקסטרא-טעלעגראמע"

(בילדער).

פאר'ן טויער פון „לאדזשער טאגע-בלאט" מיט זײַן חושך, נישט נאר פאר'ן טויער, און טויער, אויפ'ן הויף. דער הויף איז געפראפט, אלטע יודען און יונגעלײַט, חסידישע יודען און „רײַט-שען". ס'איז א הויף-מיטינג, מ'שלינגט יעדעס ווארט פון „לאדזשער טאגעבלאט" און מען רעדט עם באלד ארום.

אט שטעהט א יונגערמאן און קרעכ-צעל. ער רעדט מיט פײַער, וועגען די בלוטיגע רציחות פון די אראבער און דער עולם שאקעלט צו מיט די קעפ.

אנ'אלטער יוד רעדט מיט טרעהרען און די אויגען וועגען די 45 קדושים, וואס זײַנען אומגעקומען זיצענדיג על התורה ועל העבודה — און טרעהרען גיסען זיך פון די אויגען.

א בחור און בלויזען קאפ וויזט אן, אז דאס פערגאסענע יודישע בלוט וועט נעמען נקמה אן די מערדער, און פון די, וואס זײַנען שולדיג און די רציחות.

עקסטרא טעלעגראמע:

און גאס ווערט א גערודער. חברת קלײַנוואַרג לאזען זיך ארום מיט א גע-וואלד:

„עקסטרא טעלעגראמע „לאדזשער טאגעבלאט"! „ווײַטער נײַעס פון ארץ ישראל"!

יודען רײַסען די טעלעגראמען פון די הענט. חברה צעלויפען זיך איבער אלע עקען שטאט. אט געהט א טרעגער מיט א שווערע משא, שטעלט זיך אפ, נעמט ארויס א צעהנער פון דער קעשענע, קויפט זיך א טעלעגראמע און לייענט.

אויף דער קעלניע זיצט דער דראש-קארוש, ארום איהם נאך עטליכע חברים און לייענען אויפמערקזאם די עקסטרא טעלעגראמעס. בעת'ן לייענען בײַלען זיי די פויסטען.

אט לויפט א יודעל, א סוחר'ל, הערט ער שרײַען עקסטרא-טעלעגראמע. כאפט ער א קוק אויפ'ן איבערשטען קעפעל: „בלוטיגע שחיטות אין ירושלים" גיט ער א צוה מיט די אקסלען און לויפט ווײַטער...

אומעטום, אין גאס, אין דער צוקער-ניע, אויפ'ן טראמוואי, אומעטום רעדט מען וועגען די בלוטיגע רציחות פון די אראבער. אפילו בײַ די יודען, וואס זײַ-נען שוין לאנג ארויס פון יודישקײַט, האט זיך איצט דערוועקט דאס פינטעלע יוד.

—ושאן—

געפינען א טויטען אין „לובער"

ער האט זיך פערגיפטעט מיט גאז

(§) אין דער רעסטאראציע „לובער" אויף פּיעטריקאווער 86 נעכטען און דער קיך א געוויסער סטעפאן שומ-משאק, וועלכער הוט דארט די קעלערס מיט עסענוואַרג און משקאות. נעכטען אינדערפרוה, ווען דער לײַטער פון „לובער" איז געקומען עפענען די רעס-טאראציע, האט ער מיט שרעק בעמערקט, אז שומטשאק ליגט אויף דער ערד אהן סמנים פון לעבען.

דער דאקטאר פון פאגאטאוויע האט פעסטגעשטעלט דעם טויט דורך פער-סמען זיך מיט גאז.

עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז שומ-משאק האט אונבערגעלאזט אפען דעם קראן פון דער גאז-מאשינקע.

8 יעהריג יודיש יונגעלע איבערגעפאהרען אויפ'ם טויט.

(§) אין גלאָוונא האט אנ'אויטא אי-בערגעפאהרען אויפ'ם טויט דאס 8-יעה-ריגע יודישע יונגעלע. דעם שאפער האט מען ארעסטירט.

אונארדנונג אין די רשימות פון די ליציטאציע-פובליקאציעס

(§) אין די ליציטאציע-פובליקא-ציעס וואס ווערען פון צײַט צו צײַט פער-עפענטליכט דורכ'ן מאגיסטראט ווערען די פירמעס, וואס האבען נישט איינגע-צאהלט קיין שטײַער, געפינען זיך זעהר אפט פיל פירמעס, וואס האבען שוין נאך דער ערשטער פובליקאציע איינגע-צאהלט דאס געלד און דאך ווערען זיי נישט אויסגעשטראכען פון די רשימות.

און אז מען פערעפענטליכט א צווייטע רשימה טרעפט מען ווײַטער די זעלבע נעמען. די לאדזשער סוחרים-פעראיינען האבען אונטערגענומען אנ'אינטערווענץ בײַם מאגיסטראט, אז מען זאל אזעלכע פירמען אויסשטרײַכען פון די רשימות, ווײַל דאס שטענדיגע איבערדרוקען פון די דאזיגע פירמען אויף די ליציטאציע-רשימות, שאדט זיי דעם גוטען נאמען.

עקסקורסיע פון 70 ווילנער יודישע שילער אין לאדז.

(—) אין לאדז איז נעכטען אנגעקומען אנ'עקסקורסיע פון 70 שילער מיט 7 לעהרער פון צ. ש. א. שולען אין ווילנע. די עקסקורסאנטען האבען בעזוכט די „ווידזעווער מאנופאקטור", די הײַזער אויף באלעשיע און דערנאך האבען זיי אפ-געשמאכט א ווײַזונג אין באלוט. נעכטען אוונט איז די עקסקורסיע אפגעפאהרען קיין פויזען צו דער אויסשטעלונג.

נאכט-דיזשורען אין די אפטייקען.

אנטאניעוויטש, פאביאניצער 50; לאמהויזנסקי, פעטריקאווער 164; סאלא-לעוויטש, פּושעיאזד 19; רעמבעלינסקי, אנדזשעיא 26; זגערעלעוויטש, פעטרי-קאווער 25; קאספערקעוויטש, זגערזשער 54; טראַבאווסקא, בושעשינער 56.

עקסקורסיע פון שווייצארישע אינדוסטריעלער קומען היינט קיין לאדז

(§) מיט א פאר טעג צוריק איז אנ-געקומען קיין פוילען א דעלעגאציע פון שווייצארישע אינדוסטריעלער צו דער לאנדעס-אויסשטעלונג אין פויזען. בראש פון דער דעלעגאציע שטעהט דער דירעקטאר פון דער שווייצארישער באנק „קרעדיט סואיס" ד"ר [illegible] זשער היינט אוונט קומט די דעלעגאציע קיין לאדז, וואו זי וועט בעזוכען די גרע-סערע פאבריקען און די עלעקטראוו-ניע.

—0—

געשטארבען א מעסער-שטעכער פון די וואונדען,

וואס ער האט בעקומען פון זײַנע „חברים"

(וו) נעכטען האבען מיר שוין געמאל-דען וועגען א גרויסע אוואנטורע פון מע-סער-שטעכער און טויער פון אנדזשעיא 7. דערבײַ איז דער מעסער-שטעכער סטאניסלאוו מיטמיטשענקא שווער פער-וואונדעט געווארען און מ'האט איהם גע-נומען אין שפיטאל אריין. נעכטען איז מיטמיטשענקא געשטארבען.

—0—

לעזט און אבאנירט דאס „לאדזשער טאגעבלאט"

זעלבסטמארד פון א יודישער פרוי.

(§) מאנטאג בײַנאכט האט זיך פער-סמ'ט אין איהר אײַגענער וואוינונג די יודישע פרוי סעניא גלאס מיט'ן צוועק צו בעגעהן זעלבסטמארד. די אנגעקומע-נע פאגאטאוויע האט די זעלבסטמערדע-רין אין א שווערען צושטאנד אפגעפיהרט אין שפיטאל אריין.

—0—

דער ציגײַנער כאר אין הע-לענאוו.

אזוי ווי יעדען דאנערשטאג קומט אויך היינט 7 פאר אין העלענאוו א קאנ-צערט אונטער דער לײַטונג פונ'ם מוזי-קער טעלג. 7 א זײַגער טרעט אויף דער ציגײַנער כאר פון 15 פערזאָן.

וועגען מיליטער-ביטעס

פון דער לאדזשער ד. א. ק. הערט גע-בעטען אויפמערקזאם צו מאכען די וואס גיבען אפ ביטעס וועגען פערשידענע ענינים אין ד. א. ק. 4 דורך דער פער-מיטלונג פון פ. ק. או. דארפען זיך ווענ-דען נאך אינפארמאציעס אין פ.ק. או. און נישט, ווי א סך טוען, און שטאב פון ד. ק. א.

גלייט בריף פאר באנקראטירטע סוחרים.

(וו) די באנקראטירטע פירמע „מ. ה. ווארשאווסקי און אברהם מארמשאק" האט בעקומען א גלייט-בריף פון האנ-דעלס-געריכט.

א בוטע וועגען א גלייט בריף האט אויך אריינגעטראגען דער באנקראטאטור-טער קאנפעקציאנער דוד קויפמאן פון בזשעזשין, וועלכער זיצט איצט אין תפיסה. די בוטע איז אפגעוואָרפען גע-ווארען.

ריזען-באנקראט פון א ביעלסקער טעקסטיל-פירמע

(וו) א זעהר שטארקען רושם האט ארויסגערופען די ידיעה וועגען א ריזיגען באנקראט פון דער ביעלסקער טעקסטיל-פאבריק „בעטהאלט און זוהן". די פירמע איז געשטאנען אין ענגע האנדעלס-בע-ציהונגען מיט לאדז.

דער פאסיוו פון דער פירמע בעטרעפט 5 מיליאן זל.

—0—

דער געהיימניספולער דאקטאר

שפאנענדער ראמאן פון דער היינטיגער צייט.

בעארבייט ספעצ. פאר'ן „לאדזשער טאגעבלאט" פון י. פיירמאן.

(18-טע פארטזעצונג)

— איך מיין, אז נאר אין מינגלען קען מען די געפאהר לאקאליזירען. מען דארף נישט שפעטער קאנען זאגען, אז צוליב מינגלען איז אונז שלעכט געגאנגען און צוריך. פאר צײַטיך זענען מיר פעראנטווארטליך.

מארקוזע האט שטרענג געפרעגט:

— וואס זאגט איהר?

— אז די זאך איז ווײַכטיג פאר א סך מענשען.

— פאר וועמען?

— למשל פאר מיר.

מארקוזע האט געמאכט א פעראכטענדע בעוועגונג מיט דער האנט, אויסדרוקענדיג זיך שטארק. עבענהוינגעל האט סאפענדיג ארײַנגעצויגען לופט.

— איך בין נישט שכור, — האט צו איהם געזאגט מארקוזע, — ווי האט איהר צוליב אזא נארישקײַט מיך געקאנט בעוועגען צו מאכען אזא גרויסע רײַזע?

— איך האב עס געהאלטען פאר זעהר ווײַכטיג אײַך פערזענליך מיטצוטײַלען. הײַנט, ווען אלע בריף אויף דער פאסט ווערען קאנטראלירט און די מענשען זענען אזוי אונ-זיכער...

— און ווער וועט מיך גאראנטירען, אז איהר זענט יא א זיכערער מאן. איהר זענט אויך א מענש.

— אינזערע געמײַנזאמע געשעפטען, דאקטאר. איך וויל אײַך בלויז זאגען, אז די געפאהר קומט פון מינגלען. און דער שווײַץ וואלט איהר געווען זיכערער. זאמעלט צונויף אײַערע רײַכטומער, וואס קאנען אײַך ערלויבען צו וואוינען אין יע-דען לאנד. און בלײַבט בײַ אונז. דא וועט איהר זײַן זיכער.

— וואס קאנט איהר ווײַסען דערוועגען? איהר האט די פערוואלטונג איבער מײַן פערמעגען. מעהר גארנישט. בלויז די אדמיניסטראציע. נעגוג! וואס הערט זיך נאך?

דער אדוואקאט האט אפגעגעבען א בערוכט פון די לעצטע פינאנס-אפעראציעס פאר מארקוזע'ן. מארקוזע האט צוגענומען די אקטען, וואס יענער האט געבראכט. דערנאך האט ער שפאצירט א פינף מינוט אהין און צוריק אויפ'ן ברעג, כדי אויסצוגלײַכען די בײַנער נאך דער לאנגער רײַזע.

— איז שפערי נאך דא? — האט ער געפרעגט.

— די דארפסט נישט פאהרען קיין צוריך, — האט ער זיך געווענדעט צו איהם — עבענהוינגעל וועט מיטנעמען דעם פארטפעל. מיר ווילען זיך צוזאמען צוריקקעהרען קענען שפע-טער.

אויפ'ן וועג צוריק האט מארקוזע נישט געקאנט אײַנ-זיצען אויפ'ן ארט. אהן אויפהער איז ער געגאנגען הין און צוריק אויף דעם קלײַנעם דעק. א לײַכט-צײַכען האט איהם גע-וויזען דעם וועג. די דרײַ דאמפערס, וואס זענען מיטגעגאנגען, האבען געקלאפט דערנעבען. זײַער גערויש האט זיך פער-לוירען אין דער פינצטערניש.

מארקוזע האט טעלעפאנירט דורך דער רעהר צו גע-אָרג'ן:

— געארג, קאניאק!

שפערי האט עס דערהערט און איז אונבערואהיגט גע-וואָרען.

אין משך פון דער האלבער שעה, וואס די רײַזע האט געדויערט, האט מארקוזע אויסגעטרונקען דאס פלעשעל. ער איז געווען שכור, ווען מען איז אויסגעשטיגען. ער איז גע-גאנגען זיך וואקלענדיג און דער פינסטער צום הויז פאר-אויס און די, וואס זענען געגאנגען הינטער איהם, האבען לויט זײַן בעפעהל, געמוזט ווארטען פינף מינוט, איידער זיי זענען אריין נאך איהם.

און עס-צימער האט ער בעפוילען:

— מיר טרינקען ווײַטער! געארג, ברענג אהער!

שפערי איז געווען פערזארגט. ער האט געוואוסט ווי נאך דאס וועט זיך ענדיגען. דער דאקטאר איז וואס מעהר ער טרינקט אלץ ווענינער שכור, אבער דעמאלט ווערט ער גרויזאם. שפערי האט זיך געמוזט אנטרינקען בײַז בעוואוסט-לאזיגקײַט. זיי האבען געטרונקען שאמפאניער, געמישט מיט קאניאק.

— מיר טרינקען צולאזען נאלד — האט מארקוזע גע-ברומט, — דא אהער! גרעסערע גלעזער! געארג, בעלבערם שפערי, טרונק, הינטישער זוהן!... איך זאג דיר טרונק, הונט!... ניסט ארײַן אין דײַן הינטישען מאגען!

אלײַן האט ער פריהער געטרונקען.

— די האסט נישט אויסגעטרונקען צוזאמען מיט מיר, — האט ער געסוקעט, זעהענדיג, אז שפערי האט נישט בעוויזען אראפצושלינגען דעם באקאל — נאך איינמאל! די מוזט זויפען! איך מוז דיך זעהען טאנצענדיג! איך מוז זעהען, ווי די שפײַסט אויס די נשמה, די עקעלהאפטע מענש-ליכע נבלה!

שפערי האט געטרונקען. און און זײַנע אויגען האט זיך אלץ איבערגעדרעהט מיט די פיס אין דער הויך און ארײַנ-געפאלען און דער מיטעניש פון א תהום, און וועלכען ער איז אויך אריינגעפאלען.

— האסטו געהערט עפּוס עהנליכעס? עפּוס א פראַ-קוראר וועגן!... א פראקוראר און מונכען! גיב אהער דײַן נאמען-בובעל!... אפרוימונגס-קאמיסיע... א בעפעהל פון גע-נעראל... אפרוימען יענעם פראקוראר... נו, ווארט!... אפ-רוימען דעם מאן, וואס רופט זיך ווינטער.... ער האט דער ערשטער אנגעהויבען... שפערי, לאנד-קנעכט, טרונק!... גיב!... אזוי ווי איך!... ווינטער... ווינטער... פערשרײַב: געהאַרד ווינטער!... הובערט-גאס נומער 34. אוועק מיט איהם! לויט דער רײַהע! ער — דער ערשטער! ווי איהר האט עס שוין אײַנמאל געטוהן. געארג קאן עס מאכען. די ווײַסט העלפען! קאראזא וועט איהם ברענגען!... פער-שרײַב!.. א בעפעהל... פון פּורשט!.. טרונק!.. האסטו פער-שריבען... א בעפעהל פון קײַזער פון עיטאמאר און צפון-בראזיליען... אין ווארט פון זײַן מויל און טויזענדער פרויען בלוטיגע די לײַבער און פינף הונדערט מענער קאנען נישט געפונען ווערען!... בלויז איין ווארט — און עס ווערט א גאנצע געבוידע!... נישט וואג צו חוזק'ן, ווײַל איך וועל דיך מסרס זײַן מיט שטיקלעך גלאז!

ער האט צוהאקט א גלעזערנעם כוס. און געדראהט שפערי'ן מיט די שטיקלעך...

— איך האב שוין פער—שרי—בען!... — האט יענער געקרעכצט.

— טויזענד פרויען און פינף הונדערט מענער — האט מארקוזע געברומט.

— דאקטאר, — האט שפערי געפרעגט נישט דרײַסט, און אנ'איבערראשונג האט בעהערשט זײַנע אפגעשטעמפטע שכור'ע גלידער, — איך ווײס... נישט... ווײס... ווײס... נישט... ווייס... ווער!.. הובערט גאס 34... מײַנסט די עס... ערנסט, דאק-טאר? זאג!

דא איז מארקוזע, כאטש ער איז געווען שכור, אויפ-געשטאנען, אויסגעגלײַכט זיך און א רויטישע געמיין ווי א חיה:

— וואס פאר א „די"??!

און מיט דער פויסט האט ער שפערי'ן דערלאנגט א זעץ, אז יענער האט זיך אראפגעקויקעלט פון בענקעל אויף דער פארלאגע.

— איך וויל שלאפען, געארג! — האט ער געשריגען, בעהערשט פון א שרעקליכען צארן. שפערי'ן האט ער איבער-געלאזט אויפ'ן ארט, אויף דער פארלאגע און וועקענדיגענגען.

צומארגענס אינדערפרוה איז שוין שפערי געזעסען אין עס-צימער, בעת מארקוזע איז אריינגעקומען. ער איז שוין געוועזען נאך פרישטיק; ער האט געגעסען אין בעט.

— ווײַז מיר דײַן נאמען-בובעל! — האט ער שטרענג געזאגט.

ער האט עס איבערגעקוקט, געפינען ווינטער'ס אדרעס פערשריבען מיט צומערנדיגע, שכור' כולשטאפען. ער האט שפערי'ן צוריקגעגעבען דאס נאמען-בובעל.

(דאס ווײַטערע קומט)

העכער 40.000 לאדזער יודען דעמאנסטרירען

געגען די רציחות און הריגות אויף די יודען אין ארץ-ישראל

אלע לאדזער געשעפטן, רעסטאראנען, ווארשטאטען זענען בעת דער דעמאנסטראציע געווען געשלאסען

אין די געשלאסענע רייהען...

(פ) די געבליבענע דעמאנסטראציע פון לאדזער יודענטום האט מיט איהר קראפט, פערנעם און אימפאזאנטקייט נישט איהר גלייכען און דער געשיכטע פון דעמאנסטראציעס די לעצטע יאהרען אין לאדז.

דער טראגישער און העלדישער קאמף פון אונזערע ברידער און א"י האט פעראייניגט אלע לאדזער יודען אין א געשלאסענעם פראנט, איינגעשלונגען מיט אלע רמה איברים און טראגישען גע־ראנגעל.

אזא שטימונג, אזא טיפער טרויער, אזא מעכטיגער פראטעסט האט זיך גע־טראגען פון דער ריזיגער פיל טויזענדער קעפיגער מאסע, אז די פייערליכקייט האט בעשיינט די פנים'ער מיט א רעפ־לעקטאר־שיין פון אלט יודישען קדוש־השם.

א מאסע, בעגייסטערט און אזא הייליגע התלהבות, אין אזא פלאם־פייערדיגען ווילען איז ווי לאווינע וואס קען די ערד פון איהרע יסודות אויפהויבען.

מיט הייליגען פייער האבען געשאלט די לאזונגען, וואס דער וועה פון א"י האט ארויסגערופען פון די הערצער און אפשר צום ערשטען מאל און דער יודי־שער געשיכטע פאר'ן לעצטען יובל יאהרען האט מען געהערט דעם לאזונג: „מיר ווילען א יודישען לעגיאן!" — נוט אלס פאטעטישע פראזע, נאר אלס אויס־דרוק פון אינערליכען ווילען און לאגיק.

עס איז נישט געווען קיין פיצעל פאלשקייט אין די אויסרופען. טויזענ־דער פון דער דאזיגער מאסע זענען גרייט מיט זייער בלוט און לעבען זיך אנצושליסען און חנפעל יודישע גבורים, וואס מאלט אוצט דורך דעם שעהנסטען, אייגענע און גרעסטען קדוש השם פון דער נייער יודישער געשיכטע, ווייט נאכ'ן חורבן בית שני.

דאס געזאנג פון „התקוה" האט אפ־געשאלט מיט א פייערליכקייט פון דער־לויזער עבודה, די ציוניסטישע פאהן, געהולט אין שווארץ, די טויט־קאנצענ־טרירטע און ערנסטע פנים'ער, דאס ספאנטאנישע געוויין פון פרויען אויף די טראטוארען, דער אפגעשטעלטער ראד־ און טראמוואי־פערקעהר, — דאס האט ארויסגערופען א שטימונג, וואס וועט בלייבען בזכרון אויף לעבענס־לאנג ביי די אלע, וואס האבען דעם מיטגעמאכט איבערגעלעבט.

„כבוד די גיבורים" — דאס און גע־ווען אנ'אויסגעשריי פון דער טיף פון הארץ. — טייערע, ליבע, ברודער און ארץ ישראל, חאלט אויס און שווערען קאמף. די יודישע הערצער זענען מיט אייך!

— פ.

געהייליגט ווערען און דער געשיכטע לדורות.

ה' זאנדער, און נאמען פון די ציוניס־טען־רעוויזיאניסטען, קריטיקירט די לייט־טונג פון ציוניסטישען אויבער־ראט און צום סוף פאדערט ער תיכף

צו ארגאניזירען יודישע לעגיאנען

און וואס גיכער צוזאמענרופען אנ'אוי־סערארדענטליכען קאנגרעס.

נאכדעם ווי ס'רעדט נאך ה' אסט און נאמען פון „מזרחי", האלט ה' ליכטמאן די שלוס־רעדע, וועלכע האט אזוי ווי זיין ערעפענונגס־רעדע געריהרט ביז טרעה־רען.

צום סוף ווערט איבערגעלייענט די

פראטעסט-רעזאלוציע

און וועלכע דאס יודישע לאדז דרוקט אויס דעם שארפסטען פראטעסט קעגען דער א"י־רעגירונג.

ה' ליכטמאן בעט די פערזאמעלטע צו בעפולמעכטיגען א דעלעגאציע, וועלכע זאל מארגען די פראטעסט־רעזאלוציע איבערגעבען דעם

ענגלישען וויצע-קאנסול אין לאדז

א שטורם פון אפלאדיסמענטען האט אויסגעבראכען, ווען ה' ליכטמאן האט צום שלוס פון זיין רעדע דערמאנט דעם פוי־לישען קאנסול אין א"י ה' טוטוס זבי־שעווסקי.

זאל לעבען דער פוילישער קאנסול ה' זבישעווסקי!

האט פערהילכט דעם זאל.

מאניפעסטאנטען דערגרייכט אפשר ביז 50 טויזענד.

עס האבען זיך געטראגען אויסרופען געגען די אראבער און געגען דער ענג־לישער אדמיניסטראציע און א"י, איינגע־קנייטעלט מיט די קלאנגען פון „התקוה" און תחזקנה" און חלוצים־לידער. געזונ־גען האבען פיל האפנונג און מוט פאר דעם זיג פון די פיאנערען פון ארץ־ישראל, סיי ארבייטער, סיי אינטעליגענץ אקאדעמיקער און חסידישע יוגענד.

און דערביי זענען געפאלען לאזונגען:

„יחי זשאבאטינסקי"

— „זאל לעבען דער פוילישער גענע־ראל־קאנסול און ארץ ישראל";

— „זאל לעבען די יודישע זעלבסט־שוץ!"

— „זאל לעבען דער יודישער לעגי־יאן!"

— „נידער מיט דער ענגלישער אד־מינוסטראציע און א"י!"

— „נידער מיט'ן אראבישען באגרו־מיזום".

די טראנספארענטען

וואס די מאניפעסטאנטען האבען געטרא־גען, האבען ענטהאלטען אזעלכע לאזונ־גען:

— „עהרע די העלדען פון ארץ־יש־ראל",

— „דאס בלוט פון אונזערע גבורים רופט אונז",

— „מיט די קעמפענדע פיאנערען דאס גאנצע פאלק",

— „שיצט די טויערען פון א"י",

— „ענגליש פאלק, וואו זענען דיינע פערפליכטונגען?" א. א. וו.

ארום האלב 8 אווענד איז דער גאנ־צער יודישער קווארטאל, נאוואמיעסקא, פולנאצנא, וסכאדניא, וואלבארסקא • גאסען געווען פערגאסען פון א ריזיגען מענשענים, וואס האט זיך געוויגט און ענגשאפט אונטער פלאטערענדע פעהנער או זמארלענדע און רופענדע טראנספא־רענטען.

8 א זייגער איז דער המון מאניפעס־טאנטען געווען פערזאמעלט און דער וואלבארסקא־גאס. אלט און יונג איז געשטאנען אויף די באלקאנען, אויף די פלויטען און דעכער. די מאניפעסטאציע איז דא אונטער פערשידענע לאזונגען לכבוד די „העלדישע קעמפער פון א"י אויפגעלעזט געווארען.

טויזענדער יודען זענען נאך ארוין און דער אלט־שטעטישער שוהל, וואו עס איז געזאגט געווארען תהילים בציבור.

דאן זענען זיך טויזענדער יודען גאנג צוזאמענגעקומען און כמעט אלע בתי תפילה, וואו עס איז געזאגט געווארען תהילים פאר די ארץ ישראל'דיגע יודען וואס זענען בעדראהט פון דער אראב־ישער געפאהר.

עס דארף בעמערקט ווערען די גלענ־צענדע האלטונג פון דער לאדזער פאליציי און משך פון דער גאנצער צייט, וואס די דעמאנסטראציע איז פארגעקומען.

* * *

פארנאכט האט דאס „לאדזער טאגע־בלאט" ארויסגעלאזט א צווייטע עקסטרא אויסגאבע מיט די נייעסטע ידיעות פון א"י. די דאזיגע אויסגאבע, ווי די ער־שטע, איז מיט א פיבערהאפטער שנעל־קייט צוכאפט געווארען און פיל טויזענ־דער עקזעמפלארען.

אינצידענטען

בעת דער נעכטיגער מאַניפעסטאַציע.

בעת א דעלעגאציע פון יודען זענען ארומגעגאנגען איבער די גאסען, כדי צו זעהן, צי אלע יודישע געשעפטען זענען אום 5 פארנאכט געשלאסען געווארען, האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער ארבייטער־קאאפעראטיוו אויף קילינסקי־גאס 43 איז אפען. איינגע יודען זענען אריין פאדערן מ'זאל שליסען דאס געשעפט אלס צייכען פון פראטעסט געגען די אראבישע יודען־שחיטות און א"י. אבער אנשטאט צו פערמאכען דאס געשעפט, זענען די יודען פערטריבען געווארען פון קאאפעראטיוו.

צום יודישען איינגענטימער פון דער בוכהאנדלונג „קושאנשקא" (זשעלאזנע גאס) האבען זיך יודען געווענדעט צו פערמאכען דאס געשעפט. אבער אנ־שטאט צו שליסען דאס געשעפט, האט דער בוכהענדלער גערופען א פאליציאנט וועלכער האט בעצייטיגט די יודען.

כדי צו „בעשיצען" דאס געוועלב פון די קאנטראלערען צו די געשעפטען זע־נען געשלאסען, האבען זיך פאר'ן ארביי־טער • קאאפעראטיוו (ציגעלנע־גאס 42) צוזאמענגעשטעלט 10 מאן, וועלכע האבען געענטפערט די יודען: „מיר ווילען נוט פערמאכען דאס געוועלב".

פערשטעהט זיך, אז און די אלע פא־לען זענען די יודישע קאנטראלערען גוט אוועק גלייכגילטיג. עס זענען ענטשטאנען אינצידענטען.

דערביי איז כאראקטעריסטיש, אז די קריסטליכע בעקעריי „וואיטשעכאוו" (ראג צינגעל • גאס און וסכאדניא) האט יע געשלאסען דאס געשעפט אום 5 פארנאכט.

וועגען אנ'אנדער אינצידענט גיבען אונז איבער די ה"ה שלמה וויינענטבערג (נעי־זארזשעווסקא 18 און יצחק קיפער־מינץ זשגאוסקא 25):

נאך דעם פראטעסט־מיטינג און דער שוהל „באר מרים" (נייער'ס ראיאן) האט זיך פארמירט א מאניפעסטאציע, וואס האט זיך געלאזט און שטאט אריין, כדי זיך אנצושליסען און דעם אלגעמיי־נעם צוג. ווען די מאניפעסטאנטען זענען געווען ביי'ד ראג משעראוויצא גאס, האט דער פאליציאנט נומער 1548 ביי זיי צו־גענומען א טראנספארענט מיט אנ'אויפ־שריפט לכבוד די יודישע קעמפער און א"י און מיט דער בלאנקער שווערד צוי־טורבען די מאניפעסטאנטען.

די דעמאנסטראציע

נאכ'ן פערענדיגען דעם מיטינג זענען די ערשטע ארויס פון זאל די האנד־ווערקער • צעכען מיט די פעהנער. די סקויטען און ספארט־ארגאניזאציעס, וועלכע האבען פאר'ן זאל אויף דער נארוטאוויטש גאס פארמירט די גאסען־דעמאנסטראציע.

נאך זיי איז ארויס די מאסע.

בעת די דעמאנסטראציע האט גע־רוהרט פון ארט, איזא צווייטע דעמאנ־סטראציע ארויס פון „התאחדות".

פון דער שינקעוויטשא, וועלכע האט [illegible] „פילהארמאניע". די [illegible] ביי די זייטען און פון הינטען.

דער פיל טויזענד קעפיגער עולם וואס האט אפגעווארט אויף דער נארו־טאוויטש, זשעלאזנא און וסכאדניא האט זיך אנגעשלאסען צו דער דעמאנסטרא־ציע. קומענדיג צום רוג וסכאדניא און זשעלאזנא האט שוין די מאסע דער־גרייכט

ביז צוואנציג טויזענד מאן.

די גאנצע צייט איז די ארדנונג געווען א מוסטערהאפטע.

א הוצפה'דיגער שאפער

אינצידענט איז פארגעקומען אויף רוג וסכאדניא און צוגעל גאס. א שאפער איז מיט זיין אויטא אריינגעפאהרען אין דער מאסע. דער המון האט זיך געווארפען אויף דעם שאפער. אויסגעהאקט די שויבען פון אויטא און אוהם אליין מקיים פסק געווען. יענער האט זיך באלד אפ־געטראגען.

פון מינוט צו מינוט איז דער מאני־פעסטאציע־צוג געוואקסען. דורכציהענ־דיג די זאכאדניא גאס האבען זיך אנ־געשלאסען הונדערטער נייע מאניפעס־טאנטען, וועלכע האבען זיך פריהער בע־טייליגט און דער פראטעסט־פערזאמלונג און וואלקער־שוהל.

ביי יעדען ראג־גאס האבען זיך אנגע־שלאסען גרויסע גרופען מאניפעסטאנ־טען, אזוי, אז דער גאנצער

גאסען-פערקעהר איז איבער-געריסען געווארען

כמעט און אלע טיילען שטאט.

און דער שפיץ פון צוג זענען געגאנ־גען מיטגלידער פון לאדזער „בר־כוכבא" מיט א גרויסער ציוניסטישער פאהן.

נאך די בר־כוכבא'נער זענען געגאנ־גען פיל יודישע פראמינענטע פערזענ־ליכקייטען פון לאדז.

אלע בלוי־ווייסע פעהנער זענען געווען געהילט אין קרעפ.

אויף דר זאכאדניא גאס, האבען די מא־ניפעסטאנטען יעדע פאר מינוט זיך אפ־געשטעלט ארויסגעבענדיג נייע גרופען ווען דער צוג איז געווען ביי עק זאכאד־ניא און אנדראוואו האט מען די אנגע־הויבענע מענשען־מחנה געשאצט אויף העכער 40,000 מאן. און דער אנדראַ־ווא און פולנאצנא גאסען האט די צאהל

חלוצים דעמאנסטרירען פאר'ן הויז פון ענגלישען קאנסולאט אין לאדז

(זש) נעכטען 7 אווענד איז א גרופע יוגענדליכע פון „החלוץ" און „החלוץ הצעיר", אנ'ערך 200 מאן, אוועק און א דעמאנסטראציע־צוג צום ענגלישען וויצע קאנסול.

די דעמאנסטראנטען זענען געגאנגען דורך דער שענקעוויטשא צו דער עוואנ־געליצקא 4 צום לאקאל פון ענגלישען קאנ־סולאט.

אויפ'ן וועג האבען די דעמאנסטראנ־טען געמאכט אויסרופען:

—„זאל לעבען דאס ארבייטענדע ארץ ישראל!"

— „מיר פאדערען צו פערווירקליכען די באלפור־דעקלאראציע!"

— „מיר פאדערען א חלוצה'שע עליה!"

צוקומענדיג צום טויער פון עוואנגע־ליצקא 4, איז די דעמאנסטראציע פונאנ־דערגעטריבען געווארען דורך פאליצי, וואס בעוואכט זייט א פאר טעג דעם קאנסולאט.

פראטעסט-מיטינג אין דער „אגודה"

רעזאלוציע צו שטיצען די אלמנות און יתומים פון די געפאלענע

(זש) אין לאקאל פון דער „אגודה" איז נעכטען פארגעקומען א פראטעסט־מיטינג צוליב די געשעהענישען און א"י.

מיט רעדעס זענען ארויסגעטרעטען משה וואטשאוו, פרידענזאהן, פישעל ליבערמאן און אלי' שעראדזקי.

ס'איז אנגענומען געווארען א שארפע פראטעסט־רעזאלוציע געגען דער ענגלי־שער אדמיניסטראציע און צו שטיצען די אלמנות און יתומים פון די געפאלענע קרבנות.

—0—

די הזכרה אין אלטשטעטישע שוהל

(ג) די געבליבענע פראטעסט־ און טרוי־ער־אקציע פון לאדזער יודענטום געגען די בלוטיגע געשעהענישען און ארץ־ישראל, האט מיטגעריסען די גאנצע יודישע בעפעלקערונג פון אונזער שטאט.

פונקט 5 א זייגער זענען שוין געווען

געשלאסען אלע יודישע געשעפטען

און אלע יודישע ווארשטאטען און גע־ווארפען געווארען די ארבייט. אויך די רעסטאראנען, האנדלען • האלעס און יודישע אפטייקען האבען זיך פערמאכט.

די גרויליגענדע ידיעות, וואס די עקסטרא בלעטער ברענגען פון ארץ ישראל, האבען ארויסגעצויגען אויף דער גאס קליין און גרויס, פרויען און קינדער.

די יודישע גאסען האבען זיך איינגע־הילט און א געהויבענער טרויער־שטי־מונג.

דער שטראם פון די טויזענדער און אבער־טויזענדער יודען און פרויען צו דער אלט־שטעטישער שוהל האט פער־גאסען די וואלבארסקא, וסכאדניא און פולנאצנא. די

אלט-שטעטישע שוהל איז און א פאר מינוט איבערפולט געווארען

מיט א געוואלדיגען עולם מענער און פרויען, אז די שמשים זענען געווען גע־צוואונגען איינצוהאלטען דעם ווייטערדי־גען צושטראם פון דער מענשען־מענגע, ווייל ס'האט געהאלטען ביי סכנות־נפשות.

מצ דער קהלה־רעפרעזענטאנץ האט מען צווישען אנדערע געזעהן און שוהל דעם סען. ש. בודזינער די ה"ה בערגער, אלי' קארא, לייבוש ראזענבערג, אדוו. וויצמאן, סעקרעטאר ה' נאדעל. דער ראבינאט איז געווען פערטרעטען דורך הרב פיינער.

עס זענען אויך געווען פערזאמעלט אלע שוהל־גבאים און חובי־העיר.

דער ניי־אנגאזשירטער שטאט־חזן ה' עוזר גאלדוואסער האט נאך דער שמונה־עשרה פון מנחה אנגעהויבען זאגען „אבינו־מלכנו," א יאמער־געוויין האט זיך ארויסגע־ריסען פון אלעמענס הערצער, ווען דער חזן האט ארויסגעזאגט דעם פסוק: „אבינו מלכנו קרע רוע גזר דיננו". די שטימונג ווערט נאך שטארקער מיט'ן מאמענט, ווען מ'הויבט אן און שוהל צו זאגען ודוי און עס ווערט געעפענט דאס ארון־קודש. דאס געוויין איז געווען אין לשער.

דער חזן זאגט דערויף די קאפיטלער תהילים ע"ט, ק"ב. דער עולם מענער און פרויען זאגען מיט דעם תהילים און פערגיסען טרעהרען איבער יעדען פסוק.

הרב פיינער

האלט דאן א רעדע מעיני דיומא. זיינע ווערטער וועגען אמאליגען חורבן ירו־שלים און דער קלאג פון ירמיהו הנביא איבער דעם געפלאגטען פאלק ישראל, האט פנים פון פיל טויזענד קעפיגען עולם ארויסגעבראכט נייע קוואלען טרעהרען.

דער חזן זאגט דערנאך „אב־הרחמים" [illegible] אל מלא רחמים די נהרגים [illegible] טרעהרען און דער [illegible] ארויס און גאס, כדי [illegible] זיך מיט דער אלגעמיינער פראטעסט־מאניפעסטאציע פון די לאדזער יודען געגען די יודען־רציחות און ארץ ישראל.

און דערזעלבער צייט זענען פארגע־קומען הזכרות און דער וואלקער שוהל, וואהלינער שוהל, שוהל „סיני" (שעבי־לער'ס מארק), און דער, שוהל „באר מרים" (נייער'ס מארק), און באלוטער שוהל און און פיל אנדערע בתי תפילות.

די יודישע טרויער־מאניפעסטאציע האט ווי עלעקטריזירט דאס גאנצע יודי־שע לאדז. אלע יודען האבען מאמענטאל פערגעסען און זייערע פערזענליכע דא־גות.

די גרויסע מאסע יודען, וואס זענען ארויס פון דער אלט־שטעטישער שוהל, און די וואס האבען דארט נישט געקענט אריין, איז אוועק דורך וואלבארסקא, פולנאצנא, וסכאדניא און ריכטונג צו דער „פילהארמאניע", כדי זיך צו פער־אייניגען מיט דער מאניפעסטאציע, וואס האט זיך דארט געדארפט פארמירען נאך דעם גרויסען פאלקס־פראטעסט־מי־טינג, ארגאניזירט דורכ'ן צווישען־פאר־טייאישען נאציאנאלען קאמיטעט.

ספאזמאטיש געוויין

האט זיך געהערט צווישען די ווייבער אויף די באלקאנען.

דער גראנדיעזער פראטעסט-מיטינג אין „פילהארמאניע".

(זש) דער פראטעסט־מיטינג און פיל־הארמאניע, וועלכער איז געווען בע־שטימט אויף 5 אווענד האט צוגעצויגען אנ'אומגעהויערען גרויסען עולם, אזוי, אז שוין האלב פינף איז דער „פילהארמא־ניע"־זאל געווען פול געפאקט.

צום מיטינג זענען געקומען די האנד־ווערקער־צעכען מיט די פעהנער, סקוי־טען־ארגאניזאציעס און ספארט • פער־איינען מיט זייערע פעהנער. ווען ס'בע־ווייזט זיך די דעלעגאציע פון „ברית טרומפעלדאר" מיט דער פאהן, ברעכט אויס א שטורם פון אפלאדיסמענטען צוי־זאמען מיט פעראייניגען. ביי א געדריקטער שטימונג עפענט ה' ליכטמאן דעם מיטינג. ער שיל־דערט די בלוטיגע שחיטות פון די ווילי־דע אראבער און א"י. צום סוף פון זיין ווארימע רעדע שטעלט ער און נאמען פון די לאדזער יודען א הויסע ברכה די יודי־שע העלדען, וואס פערגיסען זייער בלוט פאר פאלק און לאנד. א קללה די שולדי־גע און דער יודישער בלוט־באד.

בעת דער רעדע פון ה' ליכטמאן האט דער דריי־טויזענד־קעפיגער עולם געוויינט אויף דעם רעדנער האבען געשטיקט די טרעהרען.

און נאמען פון „התאחדות" רעדט ד"ר טארטאקאווער. מ'קען נישט פערגלייכען, זאגט דער רעדנער די קר־בנות פון די פאגראמען צו די איצטיגע קרבנות און א"י. די קדושים, וואס ביי־נעצען אוצט מיט זייער בלוט די [illegible] דער און א"י, וועלען פעראייניגט און

א ספאזמאטיש געוויין.

זעקס א זייגער פערגעסט זיין ארט דאס פרעזידיום, וואס בעשטעהט פון מיטגלידער פון דער ציוניסטישער אר־גאניזאציע, סוחרים • און האנדווערקער־

פראטעסט-אקציע אין לאדזער סביבה

אין אלעקסאנדער, פאביאניץ און בזשעזשין

דער תענית צבור פון ישיבה-בחורים אין אלעקסאנדער.

אלעקסאנדער, (מעל.) די בחו־רים פון דער ישיבה בית ישראל אין אלעקסאנדער האבען נעכטען גוזר תע־נית געווען. אלע בחורים האבען תהילים געזאגט און דערנאך האט ה' מנשה פרייטמאן געהאלטען א רוהרענדע רעדע און ווען ער האט געלייענט די ווערטער „שפכו דמים כמים סביבות ירושלים", האבען אלע געוויינט. דערנאך האט ער מספיד געווען די קדושים פון דער כלא באדקער ישיבה און חברון.

די ה"ה פאכטמאן און שולזינגער. די גאנצע 3 שעה, וואס די טרויער־אסיפה האט געדויערט האט דער עולם פערגא־סען טרעהרען אויף די קרבנות און א"י.

פאר דער ציוניסטישער ארגאניזאציע איז ארויסגעהאנגען געווארען א בלוי־ווייסע פאהן, געהילט און קרעפ.

נעכטיגער פראטעסט-טאג אין פאביאניץ.

א סך קריסטען האבען אויך געשלאסען זייערע געשעפטען.

פאביאניץ, (מעל.) נעכטען 7 אווענד איז און דער שוהל פארגעקומען א פראטעסט־פערזאמלונג געגען די בלו־טיגע געשעהענישען און ארץ ישראל. צו דער פערזאמלונג איז געקומען די גאנצע יודישע בעפעלקערונג פון דער שטאט. אזוי אז זיבען אווענד האט מען געמוזט אפשליסען די טויערען. די ווייבער־שוהל איז געווען איבערפולט.

מיט א רעדע וועגען די שחיטות און ארץ ישראל איז ארויסגעטרעטען דער אויאזדאווער רב וואזדאווסקי. בעת דער רעדע האבען אלע געוויינט.

פון דער שוהל האט זיך פארמירט א דעמאנסטראציע פון עטליכע טויזענד מאן. די דעמאנסטראציע איז צוגעגאנ־גען צום לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, וואו עס איז פארגעקומען א גרויסער פראטעסט • מיטינג. עס איז אנגענומען געווארען א שארפע פראטעסט־רעזאלוציע געגען דער א"י רעגי־רונג.

פון 5 אן זענען געשלאסען געווארען אלע יודישע קראמען. א גרויסע צאהל קריסטליכע געשעפטען זענען אויך גע־שלאסען.

טרויער-פערזאמלונגען אין בזשעזשין.

בזשעזשין (מעלפ.) די גאנצע יו־דישע בעפעלקערונג און בזשעזשין האט זיך פערזאמעלט צום טרויער פון נאכ־צען וועלט־יודענטום צוליב די בלוטיגע געשעהענישען און ארץ ישראל. ביז 12 בייטאג זענען געווען געשלאסען אלע יו־דישע געשעפטען און ווארשטאטען. קינדער און קוים האט זיך פערזאמעלט און דער שטאט־שוהל, וואו עס איז פארגעקומען א גרויסע פראטעסט־פערזאמלונג. עס איז געמאכט געווארען א הזכרה נאך די יודישע הרוגים און א"י. טרויער־רעדעס האבען געהאלטען דער פרעזעס פון דער בזשעזשינער קהלה, הרב בערנשטיין און

אפיציעלע בעריכטען פון ארץ-ישראל-פראנט

אפיציעלער קאמוניקאט פון לאנדאן

93 טויטע יודען און 46 טויטע אראבער

לאָנדאָן (יטא) דער אָפיציעלער קאָמוניקאַט שטעלט פעסט, אַז אין ירושלים און תל-אביב איז שוין רואיג. דער קאָמוניקאַט בעשטעטיגט די ידיעה פון יט"א, וועגען די באָמבע אין ירושלים.

אין עבר הירדן ווערט וואָס אַמאָל מעהר אונרוהיגער. דער קאָמוניקאַט בעשטעטיגט די ידיעות פון יט"א וועגען די צוזאַמענשטויסען אין תל-אביב. די לאַגע אין חיפה איז געפעהרליך. ביז דונסטאַג פריה זענען געווען 93 טויטע יודען און 46 טויטע אראבער.

דער אַנגריף אין חברון ווערט בעצייכענט אַלס בעזונדערס בלוטיג.

אפיציעלער קאמוניקאט פון דער א"י-רעגירונג

ירושלים (יטא) דער אָפיציעלער קאָמוניקאַט פון דער א"י רעגירונג מעלדעט, אַז אין נזה זענען דערהרגעט געוואָרען 2 יודען. די אַבריגע זענען אַנטלאָפען קיין תל-אביב. די פרובען פון די אראבער און די ארומיגע דערפער אָנצופאַלען אויף חיפה זענען געמאַכט געוואָרען צונישט.

41 טויטע אראבער ביי חולדה

בורום, 28 (יטא) מוט אַ העלדען-מוט איז אומגעקומען אין חולדה אפרים משוזשאַק, נעבען חולדה האָט מען געפונען 41 טויטע אראבער.

4 יודען דערהרג'עט אין קאסטיניא

ירושלים, 28 (יטא) אין קאַסטיניא זענען דערהרג'עט געוואָרען 4 יודען. דערונטער דער אָרדינאַטאָר פון „הדסה"-שפּיטאָל ד"ר איזראַעלי.

דאס הויז פון הויפּט-מופטי אין ירושלים בעוואכט דורך פאליציי

ירושלים (יטא) דאָס הויז פון הויפּט-מופטי אין ירושלים ווערט בעוואַכט פון דער בריטישער פּאָליציי.

פערברענט 2 שוהלען אין ירושלים

בורום (יטא) אין גרוזינישען קוואַרטאַל אין ירושלים האָבען די אראבער אונטערגעצונדען 2 שוהלען. אַלע ספרי תורות זענען פערברענט געוואָרען.

אויסגעברענט די אויגען ביי א יודישען ארבייטער

די צוויי שולדיגע אנטיסעמיטען פעראורטיילט צו טורמע.

מאָסקווא, (יט"א)

די צוויי אַנטיסעמיטישע אַרבייטער אַלעקסאַנדער צווולקא און יעווגעני פּעטראָוויטש, וואָס האָבען מיט הייסער וואַסער אויסגעברענט די אויגען דעם יודישען אַרבייטער נייטאַן אין באָברויסק, זענען פעראורטיילט געוואָרען דורך דעם באָברויסקער קרייז-געריכט. צווולקא צו 5 יאָהר און פּעטראָוויטש צו דריי יאָהר תפיסה.

דער פּראָצעס האָט זיך געצויגען עטליכע טעג. די אָנגעקלאָגטע האָבען גע-טענה'ט, אַז זיי זענען נישט קיין אַנטיסעמיטען. זיי האָבען אָבער נישט געקענט ערקלערען, פאַרוואָס זיי האָבען בעוואוסטזיניג געגאָסען נייטאַן'ען הייס וואַסער אין די אויגען.

א רוהרענדער בילד איז געווען ווען דער געבלענדעטער יודישער אַרבייטער, בלינדער נייטאַן, איז ערשינען אַלס עדות און איבערגעגעבען ווי אַזוי די כוליגאַנישע אַנטיסעמיטען האָבען איהם געפּייניגט. דער עולם אין געריכטס-זאַל איז געווען געריהרט ביז טרעהרען אויסהערענדיג די טרויעריגע שילדערונגען פון דעם בלינד-געוואָרענעם יודישען אַרבייטער, וועלכער איז אַ לאַנגע צייט געפּייניגט געוואָרען אויף דער באָברויסקער האָלץ-פאַבריק דורך פערשידענע שענדליכע מיטלען.

יודישע קאמוניסטען וועלען האבען שוועריגקייטען ביים דורכפיהרען ראש השנה אלס ארבייטס-טאג.

מאָסקווא, (יט"א)

עס איז אונטער קלאָר געוואָרען, אַז די יודישע קאָמוניסטען וועלען זיך אָנטרעפען אויף גרויסע שוועריגקייטען ביים דורכפיהרען זייערע פּלענער צו פערוואַנדלען דעם צווייטען טאָג ראש השנה אין אַן אַרבייטס-טאָג. דער עיקר האַנדעלט זיך וועגען דעם, וואָס יענעם טאָג וועלען צוליב זונטאָג אַלע סאָוויעטישע פאַבריקען און קאַנצעלאַריעס זיין געשלאָסען. די אָרגאַניזאַטאָרען פון דעם „אינדוסטריאַליזאַציע טאָג" זענען דעריבער שוין אין אָנהויב פון דער אַקציע אין אַ גרויסער פערלעגענהייט.

אוקראינישע רעגירונג נעמט צו 10 שוהלען פאר קלובען.

מאָסקווא, (יט"א)

צעהן שוהלען וועלען היינטיגע וואָך פערוואַנדעלט ווערען אויף אוקראינע אין אַרבייטער-קלובען, לויט אַ בעשלוס וואָס איז אָנגענומען געוואָרען דורך דעם אוקראַינישען „ציק".

צווישען די צעהן שוהלען איז פערהאַן די פאַרשוהל אין בערדיטשעוו, די פאַרשוהל אין לוגאַנסק, די גרויסע שוהל אין כאַרקאָוו און די שוהלען אין פּאַקטאָוו, שפּאָלע, בראַילאָוו, סמילא, סטאַלין און סטאַסטוניעץ.

יודיש טעאטער אין פילהארמאניע זאל — נאַרוטאָוויטש 20 —

אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאַן

שליסונג פון זומער-סעזאן!!!

5 לעצטע געזעגנונגס-פארשט.

פון בעליבטען ארטיסט

מ. לאמפע

פאניא מענדעלעוויטש

ווי אויך פון דער גאַנצער טרופּע.

שבת, 4 נאָכמיטאָג — פּרייזען פון 50 גר. ביז 2 זל.

נייע אויפפיהרונג!

מאטקע גנב

אין 8 אַקטען מיט פּראָלאָג פון שלום אַש הויפּט-ראָל מאַטקע—מ. לאַמפּע.

שבת, דעם 31-טען, 9 אָוונד פּרייזען פון 80 גר. ביז 3 זל.

צום ערשטען מאָל אין דעם סעזאָן

גאט פון נקמה

אין 3 אַקטען פון ש. אַש. הויפּט-ראָל יעקעל שאַפּשאָוויטש—מ. לאַמפּע.

זונטאָג, ד. 1. סעפּט. 9 אָוונד, פּרייזען פון 50 גר. ביז 2 זל.

מאטקע גנב אין 3 אַקטען מיט פּראָלאָג פון ש. אַש. הויפּט-ראָל מאַטקע—מ. לאַמפּע.

מאָנטאָג, ד. 2-טען. 9 אָוונד, צום 2-טען מאָל פּאָפּולערע פּרייזען

גאט פון נקמה אין 3 אַקטען פון ש. אַש. הויפּט-ראָל יעקעל שאַפּשאָוויטש — מ. לאַמפּע.

דינסטאָג, ד. 3-טען, 9 אָוונד אונאָפּרופליך לעצטע פאָרשטעלונג

מאַרים לאַמפּע אין זיין קונסט-ראָל אַלס צום 20-טען מאָל

טוביה דער מילכיגער אין 4 אַקטען פון ש. עליכם

צום שלוס: אַ קאָנצערט מיט'ן אַנטייל פון גאַנצען אַנסאַמבל.

בילעטען אויף אַלע פאָרשטעלונגען צו בעקומען אין קאַסע פון פילהאַרמאָניע

די פערוואלטונג פון קאָאָפּעראַטיוו

„Odzieżówka"

מאַכט בעקאַנט איהרע מיטגלידער, אַז אָנהויבענדיג פון היינט קענען די מיטגלידער זיך פערזעהן דורך דער פערמיטלונג פונ'ם קאָאָפּעראַטיוו אויך מיט קוילען אויפ'ן ווינטער.

די פערוואלטונג.

דאנקזאגונג.

דעם זאַהר געשעצטען ה' דר. ג. ראָזענבערג לאָדז, קילינסקיעגאָ № 46 פאַר זיין מיהזאַמער בעהאַנדלונג און אויסקורירען מיין לעבער און גאַל[illegible]קהייט; איך האָב זיך קורירט 1½ [illegible] פערשידענע דאָקטוירים, אָבער אָהן ערפ[illegible] אַ דאַנק דעם דערמאָנטען דאָקטאָר ב[illegible] פולשטענדיג גענעזען פון דער דאָזיגער קראַנקהייט. דעריבער געפין איך פאַר מיין חוב אויסצודריקען דעם ד"ר ראָזענבערג דעם פערדינטען הערצליכען דאַנק און ווינש איהם ערפאָלג אין זיין וויסענדיגער מעדיצינישער פּראַקטיק.

הערש לייב בענעדיקט

לאָדז, פּאָמאָרסקאַ 78.

פאהרער אויף פאזען און פאמאזשע

איינערע וועקסעל-פאָדערונגען ביי דער קונדשאַפט אין פאָזנער קאַנט און אין פּאָמאָזשע קאָמפּירט איין אַמשנעלסטען און זיכערסטען דאָס ביוראָ

„ארגוס", זאַכאַדניאַ 36.

צוליב'ן אָפּשטעלען דעם פערקעהר אויף פּיעטריקויער גאַס, בעטען מיר אַפּשיקען די בעשטימטע פאַר אונז סחורות אין משך פון אַספאַלט-אַרבייטען אויף אַל. קאָשטשושקאַ 10

עקספּעדיציע-הויז

Monczyk i Kramarz

ביוראָ פּיעטריקאָווער 51.

עלטערן!

אין מיין לאַנג עקזיסטירענדע חדר שולע געגעטען קינדער וואָס לערנען אין פּאָווזשעכנע-שולען צו לערנען: חומש, רש"י, גיד משניות, גמרא, היסטאָריע, רעדען און שרייבען העברעאיש, אויך יודישע בריוו זעלבסט צוזאַמענשטעלען, ס'ווערען אויך אָנגענומען אָנפענגער פון 5 יאָהר אָן, ווי ס'ווערט אין פערלויף פון 5 חדשים אויסגעלערנט גרינדליך עברי, אַ שטרענג רעליגיעזע ערציהונג! צוגענגליכע פּרייזען!

מנהל יחיאל דוד ראָזענפעלד

פּלאַץ-וואָלנאַשטשי (נייע שטאָט) 6

קווער אָפיציגע רעכטס II שטאָק

גלאַוונע נאָוואַ-אָטוואָצק

פענסיאנאט מארגענשטערן

ווילע „SUJKA"

נעהמט ווייטער אויף געסט ביז איבער סוכות.

מעסיגע פּרייזען. מעסיגע פּרייזען.

בעמערקונג: ס'ווערען אָנגענומען חתונות, בעלער און ראַאוטען פאַר וועלכע דער פענסיאָנאַט איז גוט געאייגענט.

עס ווערט בעקאַנט געמאַכט, אַז די אַינשרייבונגען פאַר שילער קומען פאָר פון 25 - 31 אויגוסט ח. י. אין די שעה'ן צווישען 12—10 פאַרמיטאָג.

נייע שילער און שילערינס פון אַמאָליגען שאַקינ'ס גימנאַזיום מוזען זיך מעלדען פּערזענליך און פאָרלעגען די דאָקומענטען.

איינטריטס-עקזאַמענס וועלען פאָרקומען ד. 1 און 2 סעפּטעמבער 9 אַ זייגער אין דער פריה.

דירעקציע און פערוואלטונג

פון מענער-גימנאזיום ביי דער געזעלשאַפט צו פערשפּרייטען בילדונג און טעכנישע וויסענשאַפט צווישע יודען אין לאָדז, פּאָמאָרסקאַ 48.

PORADNIA WENEROLOGICZNA

פון דאקטוירים ספעציאליסטען

זאַוואַדזקאַ 1.

נאָר פאַר וועגערישע הויט-קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע אַנאַליזען פון בלוט און אויספלוס, אויף סיפיליס און טריפּער קאָנסיליומס מיט ספּעציאַליסטען פון אוראלאָגישע און נערווען-קראַנקהייטען.

קוואַרץ לאַמפּ-עלעקטרישער היילקאַבינעט-קאָסמעטיק

טעגליך פון 8 זייגער ביז 9 אָוונד

זונטאָג פון 9 פריה ביז 2 נאָכמיטאָג

בעזונדער וואַרטע צימער פאַר פרויען

וויזיט 3 זלאָטעס

אנאנסירט נאָר אין „לאָדזער טאָגעבלאַט"

פראנט-צימער

פון 2 פענסטער מיט עלעקטרישע בעלייכטונג פון זאַפאַרט צו פערמיטען

צו ערפאַהרען: ווכאָדניאַ 29 פּראָנט 1 שטאָק וואָהנונג 3.

3869

די פערוואלטונג פון דער

יודישער קהלה איז לאדז

מאַכט בעקאַנט, אַז דער 2-טער טייל פון עטאַט-רעגיסטער אויפ'ן יאָהר 1929, וואָס ענטהאַלט די רעשט עטאַט-צאַהלערס פון די גאַסען: ברזעזינער, ווי אויך די עטאַט צאַהלערס פון די גאַסען: צעגיעלניאַנאַ, צעגלאַנאַ, צמענטאַרנאַ, צימערא, טשערוואָנאַ, דעמבּוואַ, דאַבראַ, דלוגאַ, דרעוואַנאַווסקאַ, דוואָרסקאַ, 28 שיטער פּולק, עוואַנגעליצקאַ, פּיימער, פישער, פראַנציסקאַנער, גדאַנסקאַ, גנעשאַ, גלאָוואַצקאַ, גלוונאַ, גאָפּלאַנסקאַ, גראַבאַווא, גראַשאַנקאַ, הענריקאַ, הויזלערא, יאַקובאַ, יאַסנאַ, יעראָזאָלימסקאַ, יערזשעגאָ, יוליושאַ, קאַלענבאַכאַ, קאַליסקאַ, ווערט אויסגעלעגט לויט די עקזיסטירענדע פאָרשריפטען צום אַדורכזעהען במשך פון 8 טעג ד. ה. פונ'ם 29/8 ביז'ן 6/9 איינשליסליך אין דער קהלה קאַנצעלאַריע אין די שעה'ן פון 10 פריה ביז 1 נאָכמיטאָג.

לאָדז, דעם 28 אויגוסט 1929.

Dr. med. Józef SZWAJCER

עקושעריע און פרויען-קראַנקהייטען

פּאָמאַרסקאַ 7 טעל. 27-84

נעמט אָן פון 5—7,

מיט פולע רעגירונגס-רעכטע (קאַטעגאָריע A)

8-קלאסיגעס מעדכען-גימנאזיום מיט 3 פּאַראַבעריייטונגס-קלאַסען (A. B. C.) פון

Marja Hochsteinowa

Wólczańska 23, tel. 14-27

שילעריגס ווערען איינגעשריבען אין די שול-שטונדען.

— ביים — גימנאַזיום אַ קינדער-היים לויט סיסטעם פון פּראָפ. מאָנטעסאָרי

אַ פאבריקס-לאָקאל

אויף 35—50 מעכאַנישע שטיהל פון 64—72 צאָל די ברייט ווערט פון זעספּאַרט

צו פאַכטען געזוכט.

אָפּפערטען אָנצוגעבען אין אַדמיניסטראַציע פון „לאָדזער טאָגעבלאַט" אונטער „R. K."

דאסטאיעווסקי'ס אלע ווערק

(16 בענדער)

אין דער פּוילישער שפּראַך, פּראַכטפאָל איינגעבונדען געלעגנהייטליך

ביליג צו פערקויפען

צו ערפאַהרען אין דער אַדמיניסטראַציע פון „לאָדזער טאָגעבלאַט".

אַ מעכאַנישע שלאָסעריי

מיט דרעה-בענק און פרעז-מאַשין איז צוליב אָפּרייזע צו פערקויפען. צו ערפאַהרען אין דער אַדמיניסטראַציע פון „לאָדזער טאָגעבלאַט".

געגען בעלוינונג.

בעת דער פּראָטעסט-דעמאָנסטראַציע איז פערלוירען געוואָרען אַ פּאָרטפעל אין וועלכען ס'האָט זיך געפונען אַ מיליטער-ביכעל, אַ פּאַס אויפ'ן נאָמען שמואל בוימגאַרטען, פערשידענע דאָקומענטען און וועקסלען, וועלכע עס האָבען פאַר קיינעם קיין ווערט נישט, ווי אויך אַ גאָלדען פינגערל איז פערלוירען געוואָרען. אָבצוגעבען געגען בעלוינונג אין אַדמיניסטראַציע פון „לאָדזער טאָגעבלאַט" פאַר בוימגאַרטען.

צוליב דער שווערער צייט זענען די פּרייזען ערמעסיגט

וויכטיג פאַר אורלויב-פאָהרער!

ווילט איהר אייער אורלויב גוט פערברענגען? פאָהרט אויף עפּרות נאָר אין בעוואוסטען

פענסיאנאט „WYGODA"

St. GŁOWNO, Polenice. Wila Misiaka obok Nowego Otwocka w lesie

גרויסע זוניגע צימערן, כשר'ע, היגיענישע קיך, שעהנע געגענד.

קאָנקורענץ-פּרייזען—40% ביליגער ווי איבעראַל;

בעמערקונג: בעטגעוואַנד איז נויטיג מיטצוברענגען.

צו ווענדען זיך צו פרוי אַפּעל דירעקט אין פענסיאָנאַט „וויגאָדאַ"

אין לאָדז ערטיילט אויסקונפט: אַפּעל, זאַוואַדזקאַ 23, אין הויף, 2-טען איינגאַנג, לינקס, פּאַרטער. פון 2—3½ און פון 7—9.

לעטשניצע

17 זגיערסקאַ 17, טעל. 16-93

אַלערליי קראַנקהייטען ווערען עמפּפאַנגען דורך ספּעציאַליסטע דאָקטוירים פון 9 פריה ביז 6 אָוונד.—ראַנטגען, עלעקטריזאַציע פּאָקען-שלעפּען, קינסטליכע [illegible] אימפּפונגען געגען שקאַר לאַטינע.

Z prawami państwowych gimnazjów

Gimnazjum Żeńskie

JOZEFA ABA

w Łodzi, Zielona 10, tel. 22-12

איינשרייבונגען פון נייע שילערינס יעדען טאָג אין די שול-שעהן.

ביי דער שולע ווערט געעפענט אַ פּרעבלובקע.

דירעקטאָר י. אבא

אַנהויב פון אונטערריכט—דעם 3. סעפּטעמבער.

אַבאָנעמענטס-פּרייז: [illegible] אַנאָנסען-פּרייז: [illegible]

Redaktor-wydawca E. Hamburski

Tłocznia: K. i H. Hamburskich w Łodzi Piotrkowska 16